פינפצענטער יאהרגאנג
№ 9
Należytość pocztowa opłacona ryczałtem.
פרייז 20 גראשן.
„CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Częstochowa, Aleja 6. Telefon 201.

Piątek 28 lutego 1936 | ליכט-צינדען 4.54 | פרייטאג, פ' תרומה ה" אדר תרצ"ו

את חברנו הנ' **יצחק בנדט** לרגלי נשיאיו את העלמה **גרוסמן**
הננו מברכים ב"ב תל-חי מי יתן ויזכו לבנות את ביתם על הרי ירושלים
הועד של ברית הצה"ר וויעלון

אונזער ג' שותף **יצחק בענדעט** צו זיין חתונה מיט פרל. **בראניא גראסמאן** ווינשט פיעל גליק און צופרידענהייט
די שותפים פון „מלין שווייצארקא".

אונזער ג' פריינד **יצחק בענדעט** ווינשען מיר פיעל גליק
צו זיין התונה מיט פרל. **בראניא גראסמאן**
יודל רינג און פרוי, אלי' קארן און פרוי

מזל-טוב און א גרינגע ערציהונג ווינשען מיר אונזער פריינד **יעקב ראגאווסקי** און פרוי
צום געבורט פון זייער **בכור**
אברהם מענדיל לייזעראוויטש און פרוי

את ידידנו מר **יעקב ראגאווסקי ורעיתו**
לרגלי הולדת להם **בן-זכר** הננו מברכים בברכת מזל-טוב ורוב נחת
יוסף שאיא ורעיתו

אל ארוסיה של בת המורה הוראה ז"ל העלמה **זיסל סרעברניק**
עם הרב **יחיאל טובי' ראזענבערג** הנני שולח את ברכתי ברכת מז"ט מקרב לב
משה לייב זלקוביץ, תל-אביב

אונזער שוועסטערן-טאכטער פרל. **שושנה לאפידעס** צו איהר חתונה מיט ה' **אלי' גרינער** פון לאדז, ווינשען פיעל גליק און אייביגע צופרידענהייט
הירשל וואלמאן און פרוי, פייוויש סקושיניא און פרוי

אונזערע פריינד **גליקע** און **איכל לאנדוי**
צו דער בר-מצוה פון זייער זוהן **מאניעק** ווינשען פיעל נחת און פרייד
יודל קאסריעל און פרוי.

צו דער בר-מצוה פון **מאניעק לאנדוי**
ווינשט איהם ערפאלג און די עלטערן פיעל נחת
אשר און פריידל מענדלעוויטש

צו דער חתונה פון אונזער טאכטער, שוועסטער און שוועגערין **רייזעל עפשטיין**
מיט ה' **אברהם יצחק נודעלמאן**
אונזערע הארציגסטע ברכות און אייביגע צופרידענהייט ווינשען
עלטערן און געשוויסטער עפשטיין און פאמיליע גליקסמאן

אין קינא „לונא" נאר 2 אויפטריטען

רעזשיסער פון פאלעסטינער סאטירישען טעאטער **יצחק נאזשיק** צוזאמען מיט זיין ערשטקלאסיגען אנסאמבל:

יוליא פלוים, זישע קאץ, לעאן קאסוינער, פסח קערמאן, שמואל לאנדוי, לילי ליליאנא, ל. ליבגאלד' מ. מאניעלא, ה. מעלאמעד, א. ראטמאן, ראזענבערג, חוה שטאקפעדער, שעפטעל, דיריג. שאיעוויטש

2 גרויסע א"י שווישפילען אין דער יודישער שפראך!

מאנטאג 2 מערץ

תל-אביב

אין 2 טיילען 16 בילדער.

דינסטאג 3 מערץ

סערטיפיקאטן

אין 2 טיילען, 16 בילדער.

בילעטען-פארפערקויף אין דרוק. פון ה' באטשאן און פון 7 אוונד אין קאסע.
אנהויב פון די פארשטעלונגען 9 אוונד.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, דאס ס'איז געעפענט געווארען

א סקלאד פון דיקטען

„DYKTPOL"

א. ד. פ.

ב. יאסעלעוויטשא גאס 4 №

(אין דורכגאנגס-הויז פון ה' קרויזע),

וואו ס'איז צו בעקומען דיקטען פון בעסטען קוואליטעט.

צו דער בעקוועהמליכקייט פון די געעהרטע קונדען!

האבען מיר געעפענט א פראנט-געוועלב

אויף נארוטאוויטשא 19-23 №

וואו ס'געפונט זיך א גרויסער אויסוואהל פון אלערליי

ווינער מעבעל, געבויגען מעבעל

הורט און דעטייל. א. ד. גל. געניע פאבריקס-פרייזען.

FABRYKA MEBLI GIĘTYCH

D. SZMULEWICZ i S-ka

Częstochowa, Narutowicza 19-23.

Do wynajęcia
4 pokoje z kuchnią
z wszelkiemi wygodami
Dąbrowskiego 12 Wiadomość u dozorcy

צענטראלער יודישער האנדווערקער פערבאנד אין פוילען, אפטיילונג אין טשענסטאכאוו.

אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס אין די נאהנטסטע טעג קומט פאר די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון האנדווערקער-פערבאנד, דארף יעדער מיטגליד בעצאהלען דעם בייטראג, וואס ער איז שולדיג ביז'ן 1 יאנואר 1936.

אין געגענפאל וועט ער נישט ווערען צוגעלאזט אנטייל צו נעמען אין דער אלגעמיינער פערזאמלונג.

די פערוואלטונג.

בעמערקונג: אין אויסנאהמספאל דארף מען זיך ווענדען צום ה' דזיאלאוויטש.

בעקאנטמאכונג פון בעקער-צעך.

לויט'ן בעשלוס פון א פערוואלטונגס-זיצונג פון בעקער-צעך דארפען די אלע, וועלכע ווילען דינגען אויוועוס צום באקען מצות אויף פסח, זיך ווענדען צו דער פערוואלטונג פון בעקער-צעך ביים האנדווערקער-פערבאנד אין טשענסטאכאוו, 1 טע אלעע 12.

דערביי בעמערקען מיר, אז ווער ס'וועט דינגען אהן פערשטענדיגונג, נעמט דער צעך אראב די פעראנטווארטליכקייט פאר די פאלגען, וואס קענען דערפון ארויסקומען.

די פערוואלטונג.

אנ'ארענטליכער קיילעכדיגער יתום

אהן מיטלען צום לעבען און אהן פריינד

זוכט א בעשעפטיגונג

ביי וואס ס'זאל נישט זיין. מעלדען: פאבריטשנא 22 ביים בלאכאזש

Szkoła tańców

baletm. Kosteckiego

ul. Waszyngtona № 6.

Zapisy na kursy, lekcje pojedyńcze (indywidualne) codziennie.
Rewelacja taneczna:
TANIEC „CONTINENTAL"
אכטונג: יעדען שבת קומט פאר א פראקטישע לעקציע פאריגדישע געזעלשאפט. אנהויב 8 אוו. 1-קלאסיגע מוזיק

MARYSIA KRAUZÓWNA — SAMUEL SZYFF

ZARĘCZENI

Częstochowa, w lutym 1936 r.

אונזער ליעב טעכטעריל
מאניא קרויזע צו איהר תנאים מיט ה' **סאמועל שיף**
די הארציגסטע ברכות ווינשען
די עלטערן.

מיינע קינדער **יהודית** און **זיסמאן קרויזע** צו דער תנאים פון זייער עלטסטע טעכטערל **מאניא** מיט ה' **סאמועל שיף** א הארציגען מזל-טוב, די כלה, מיין ליעב אייניקעל א בליהענדע צוקונפט ווינשט
דער זיידע אהרון פערלמוטער.

צו דער תנאים פון אונזער ברודערן-טאכטער **מאניא** מיט ה' **סאמועל שיף** א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט. די עלטערן פיעל נחת ווינשען
יוסף קרויזע, פרוי און פאמיליע.

די הארציגסטע ברכות און א בליהענדע צוקונפט
מיין ברודערן-טאכטער **מאניא** צו איהר תנאים מיט ה' **סאמועל שיף**
די עלטערן פיעל נחת ווינשט
שלמה קרויזע און פאמיליע. מעץ (פראנקרייך).

צו דער תנאים פון אונזער שוועסטערן-טאכטער **מאניא קרויזע** מיט ה' **סאמועל שיף**
א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט. די עלטערן פיעל נחת ווינשט
אברהם פערלמוטער און פאמיליע. (קאטאוויץ).

מזל-טוב ווינשען מיר אונזער שוועסטערן-טאכטער
מאניא קרויזע צו איהר תנאים מיט ה' **סאמועל שיף**
די עלטערן — פיעל נחת.
דוד פערלמוטער און פאמיליע. (קאטאוויץ)

Naszej kochanej kuzynce MARYŚCE KRAUZE
z intencji zaręczyn z p. SAMUELEM SZYFFEM
życzymy wiele szczęścia i zadowolenia.
MARYSIA i WOWEK.

מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען מיר אונזער ברודערן-זוהן **סאמועל שיף**
צו זיין תנאים מיט פרל. **מאניא קרויזע.** די עלטערן פיעל נחת.
יחזקאל שטיבעל, פרוי און פאמיליע.

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר דעם ה' **זיסמאן קרויזע** און פרוי
צו דער פערלאבונג פון זייער טאכטער **מארישא** מיט ה' **סאמועל שיף**
ווי אויך דעם יונגען פאר א בליהענדע צוקונפט.
משה יאקובאוויטש און פאמיליע.

לאניא טשענסטאכאווסקא
יחזקאל באבראווסקי
פערלאבט
טשענסטאכאו, אין לוטי 1936 י.

Z intencji zaręczyn koch. syna i brata naszego
HENRYKA BOBROWSKIEGO z p. LONIĄ CZĘSTOCHOWSKĄ
życzymy dużo szczęścia, radości i pomyślnej przyszłości
Rodzice, bracia i bratowe

Z intencji zaręczyn
p. HEŃKA BOBROWSKIEGO z p. LONIĄ CZĘSTOCHOWSKĄ
składamy najserdeczniejsze życzenia
Bernard Borzykowski, Bronia Poznańska

הננו מביעים בזה ברכת מז"ט חמה ולבבית לידידינו ר' **אברהם טשענסטאכאווסקי ורעיתו** לרגלי אירושי בתו מרת **לאניא** את הבחור מר **יחזקאל באבראווסקי**
יוסף צימרמן ורעיתו

Naszej kochanej Cioci LONI CZĘSTOCHOWSKIEJ
z okazji zaręczyn z p. HEŃKIEM BOBROWSKIM
życzymy dużo szczęścia
Moniutek i Dadzio

את ידידנו הגבאי הראשי שלנו ר' **אברהם טשענסטאכאווסקי** וב"ב לרגלי ארושי בתם **לאה** תחי' עם ב"ג החתן מר **יחזקאל באבראווסקי** אנו מברכים בברכת מזל-טוב המה ולבבית
הגבאים והמתפללים בביהכ"נ דרדאמסק, שוק ישן 18.

ETERIT

Doskonały odbiornik o niskiej cenie i dogodnych warunkach.

Żądajcie bezpłatnych pokazów.

Salony demonstracyjne:

Optyk Medical Aleja 31 — **World-Radio** Aleja 24, tel. 25-75

פערשטאפטע אויערן.

עפעס אזוי ווי אלע שווארצע כחות וואלטען זיך פעראייניגט געגען שוואכען ישראליק און ווילען איהם אומברענגען.

דער ענין שחיטה איז געווארען היינט צו טאג אין פוילען די אקטועלסטע פראגע—אזוי ווי עס וואלטען פאקטיש נישט געווען קיין גרעסערע זארגען—און איז געציעלט ספעציעל צו טרעפען דאס יודישע פאלק אין זיין הייליגסטען פונקט—אין די רעליגיעזע געפיהלען.

וואס העלפט די לאגיק, וואס העלפט דאס איבערצייגען, אז די יודישע שחיטה איז די הומאניטארסטע?! וואס וועט דא פועל'ן דאס אויסווייזען, אז א דאנק דער יודישער שחיטה צאהלט די קריסטליכע בעפעלקערונג ביליגער פאר פלייש? וואס וועלען העלפען אונזערע טענות אויב מען וויל דאס אלעס נישט הערען, אויב די אויערען זענען טויב.

אט האט דער היגער רב ר' נחום אש שליט"א ארויסגעגעבען א קלאסיש ווערק וועגען ענין שחיטה, וואו ס'ווערט קלאר און דייטליך אויפגעוויזען, אז די שחיטה איז הומאניטאר, אז זי געהערט צו די עיקרים פון אונזער רעליגיע, אז א דאנק דער שחיטה צאהלען קריסטען ביליגער פאר פלייש. דער רב פעררופט זיך אויך אויף די גרעסטע פוילישע אויטאריטעטען, ווי למשל מיצקעוויטש, וואס האט אפען ערקלערט, אז יודען זענען מעהר חס אויף דער בהמה, ווי אלע איהרע מכלומר'שטע פערזארגער—די צער בעלי-חיים'ניקעס. עס איז אבער אלץ אומזיסט, אויב דער צווייטער צד וויל נישט הערען, ווען די לאגיק איז ביי זיי אן'אבגעבלאקעווטער בעגריף.

וואס עס טהוט וועה אממעהרסטען איז דאס, וואס ווען פרעמדע, נישט-יודען, וועלכע האבען קיין אהנונג נישט וועגען תורת משה אדער וועגען תלמוד, ווערען גאר אונזערע פוסקים, די דאזיגע „לומדים" קריכען אריין מיט זייערע גראבע אומגעלומפערטע פיס אין דעם הייליגסטען קדשי הקדשים פון יודענס רעליגיע. ווער ס'האט געהערט אויף דער מיטוואכדיגער זיצונג פון שטאדט-ראט דעם ענדעקישען לאווניק פיאנטקאווסקי ווי ער האט ציטירט פערשידענע אויסצוגען פון א רייהע „פוסקים" וועגען תורת משה און תלמוד און אויפגעוויזען מיט „ראיות ברורות", אז די שחיטה איז נישט קיין עיקר פון יודישען דת, דעם האט זיך געוואלט לאכען און וויינען. לאכען, צוליעב די אבסורדען, צוליב די אויסגעדראשענע עם הארצי'שע גראב-יונגערישע חכמות. און וויינען—צוליב אונזער שפל'קייט, ווען א פאלק וועלכעס האט די מיסיע צו טראגען ליכט און קולטור צווישען פעלקער, א פאלק, וואס זיין רעליגיע איז דער מוסטער פאר דעם איידעלסטען און הומאניטארסטען אין לעבען, ווערט גאר אוועקגעזעצט אויף דער בעשולדיגונגס-באנק פון נישט-בערופענע ריכטער.

ווען מ'קוקט זיך צו צו דעם אלעם, ווי מ'ווערט אויסגעלאכט, ווערט דאס לעבען מיאוס, דער צלם-אלקים ווערט געשענדעט און בעשפיגען.

אמת, די יודען שטעלען זיך אקעגען דעם דאזיגען הורגאן. א בעווייז: דעם היגען רב'ס בראשור, ווי אויך דאס איבריגע פערטיידיגונגס-מאטעריאל, וואס דער אבוועהר-קאמיטעט אין ווארשא האט צוגעגרייט. דאס אלעס וועט אויסגענוצט ווערען בעת דער ווייטערדיגער דעבאטע וועגען דער שחיטה, וואס וועט פארטגעזעצט ווערען אין היגען שטאדט-ראט דעם קומענדען מאנטאג. די מאטעריאלען און פאקטען זענען איבערצייגענד און צערשמעטערען אלע אויסגעדראשענע, אבסורדאלע מאטיווען פון אונזערע געגנער פון דער שחיטה. וואס קומט אבער ארויס, אז עס איז נישטא קיין פערשטענדניס, אז עס איז נישטא צו וועמען צו רעדען?!

מיר, יודען, וועלען זיך פאר דער דאזיגער גזירה נישט אבשרעקען. מיר האבען אין אונזער גלות-געשיכטע דאך א סך אזעלכע גזירות איבערגעלעבט און וועלען אויך די איצטיגע איבערלעבען. וואס עס טהוט אבער שמערצליך וועה, איז דאס, וואס מיר האבען נישט צו וועמען צו רעדען. מיר שטעהען פאר א טויבער וואנד.

ש. פ.

פון קליינהענדלער-פעראיין, בערקא יאסעלעוויטשא 8.

זונטאג, דעם 1-טען מערץ ד. י. 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין אייגענעם לאקאל א רעפעראט פון אפל. אדוו. י. קזשעפיצקי א. ד. ט. „דאס געזעץ וועגען „ריטשאלט-אבראטאווע" אויף די יאהרען 1936 און 1937".

איינגאנג פריי.

נדבות פאר דער געז. „תומכי עניים"

ה' ש. האנדעלסמאן צו זיין חתונה מיט פרל. א. ראזענטאל 20 קילא ברויט.

ה' חיים שיין צו דער חתונה פון זייער זוהן 20 קילא ברויט.

ה' אברהם טשענסטאכאווסקי צו דער תנאים פון זייער טאכטער 10 קילא ברויט.

ה' ביניש וואשניצא צו דער תנאים פון זייער טאכטער 10 קילא ברויט.

ה' משה וואלקאוויטש צו דער יאהרצייט פון זיין מוטער 10 קילא ברויט.

יוסף שאַיא.

די אויסניכטערונג...

אלס א גרויסע איבערראשונג, ממש א סענסאציע קען מען בעטראכטען די רעדע פון על-המשמר-פיהרער ד"ר שיפער, געהאלטען אויף דער 7-טער קאנפערענץ, וועלכע איז לעצטענס פארגעקומען אין ווארשא.

עפיס גאר אנדערע דבורים האבען זיך דארט געהערט, גאר נישט אזעלכע ווי מען איז געווען געוואוינט צו הערען אויף עהנליכע על-המשמר-קאנפערענצען. די גאנצע רעדע האט געקלינגען ווי א וידוי, ווי אן'איבעררייס מיט די ביז-איצטיגע מעטאדען פון ענג-קעפיגען, ענג-הארציגען פארטייציוניזם, וואס האבען דערפיהרט צו אלעם שלעכטען: צו דער שפאלטונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, צו א צערייסונג און אנטאגאניזם אין די אייגענע רייהען און צו ירידה און פערקריפלונג פון אלגעמיינעם ציוניזם.

דער אלגעמיינער ציוניזם, וועמענס עיקרים עס זענען: דער מלוכיש-ציוניסטישער געדאנק, דער נאציאנאלער פרימאט, דער פרימאט פון די כלל-ישראל-אינטערעסען איבער אלע פארטייאישע, דאס שטרעבען צוציהען אלע יודישע גרופירונגען און כחות צו דער ארבייט לטובת אונזער אויפבויווערק אין ארץ-ישראל, דער אלגעמיינער-ציוניזם אלס דער מיטעל-פונקט, אלס דער חוט השדרה פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע — אט די אלע עיקרים האט דער על-המשמר פערוואנדעלט אין א פארטיי-קרעמעל, וואו דער עיקר איז פארטיי אמביציע, פארטיי-העגעמאניע; און א מין חסידיזם, וואס דער עיקר איז בלינד נאכגעהן דעם רבי'ן און אנטהון איהם נחת-רוח... א דאנק דער פערבלענדקיים, הויך פאליטיק, איז מען פערקראכען אין זומפען, אויף פאלשע וועגען, פערקירעוועט פון דרך-המלך אויף לינקע, געווארען א ווערקצייג פון די לינקע, אנגאזשירענדיג זיך אין זייער קלאסען-קאמף געגען די רעכטע, געגען די „רעוויזיאניסטען-פאשיסטען", מיטהעלפענדיג פראוואצירען געגען זיי דעם פאלקס-צארן און אונטערגראבען יעדע געלעגענהייט פון דערגעהנטערונג און שלום, וואס האט זיך אין דעם לאנגען קאמף געשאפען — ביז צו גענצליכער ארויסשטויסונג פון די רעוויזיאניסטען פון דער איינהייטליכער ציוניסטישער מחנה.

און דאס ערגסטע איז וואס עוד ידם נטויה און מען האט זיך אין זייער ארגאן נישט אבגעהאלטען צו פערפיהרען לעצטענס א נייע העצע פון א סטאווסקי-בלבול אין צוזאמענהאנג מיט די „וואנדא"-שיף אפערע אין וועלכער רעוויזיאניסטען זענען דורך אפעריסטען בעשווינדעלט געווארען, פונקט ווי מען האט זיך נישט אבגעהאלטען צו פערפיהרען א סקאנדאליעזע גאטליב-העצע, כדי אויף זיין ארט אריינצופיהרען אין סיים אריין א אנטיסעמיטישען הויז-וועכטער און דעסגלייכען אנדערע העסליכע מעשים פון שאוויניסטישען פארטיי-כאראקטער.

און דאס אלעס האט מען געטריבען אין נאמען פון כלומר'שטען אלגעמיינעם-ציוניזם און גיהנום פייער פון שנאת אחים אויף מעהר צופלאקערט.

און. אט האט זיך דערהערט א מוטיגע און א פעסטע שטים פון נייעם פרעזעס פון דער אלגעמיין-ציוניסטישער „על המשמר"-ארגאניזאציע ד"ר שיפער, וועלכער פערשפרעכט.—בעוואויגען דורך די דראהענדע לאגע וואס הערשט לעצטענס אין ציוניזם—אויסצוראטען דעם שעדליכען, פאלשען גייסט וואס האט זיך אריינגעכאפט אין די פוילישע אלגעמיינע ציוניסטישע איינשטעלונג, צו מאכען א סוף צו דעם „פארטייאישען ענגהארציגען פאטריאטיזם" וואס איז דער מקור פון כל הרעה, בעטאנענדיג דאביי, אז „אלגעמיינער ציוניזם הייסט זארגען אין דער גלייכער מאס פאר אלע, טראגען די אחריות פאר אלץ, וואס קומט פאר אין ציוניזם, סיי פון רעכטס, סיי פון לינקס.

„די שלום-לאזונג פון לוצערן מוז פערווירקליכט ווערען אויך אין טאגטעגליכען ציוניסטישען לעבען. מיר מוזען—זאגט ווייטער ד"ר שיפער—בינדען נישט רייסען, (הערט אייך גוט איין על-המשמר'ניקעס) נישט ברעכען. עס מוז קומען צו א שידוך צווישען דער וועלט-פעראייניגונג מיט'ן „וועלט פערבאנד". דער שידוך דארף געשלאסען ווערען נישט בלויז פון אויבען, נאר אויך אין די אינטערשטע שיכטען, צווישען די ציוניסטישע מאסען. דאס איז די פאדערונג פון דער ציוניסטישער ווירקליכקייט.

דער רוף פון דער שעה, אין דער דאזיגער ארבייט וואלפט ער אריין זיין פערזאן, פאר דער דאזיגער נייער ווענדונג אין פוילישען אלגעמיינעם ציוניזם וועט ער אנגעבען אלע כחות.

א! ווען די דאזיגע אויפריכטיגע און פרידליכע ווערטער וואלטען געהערט געווארען מיט א צייט פריהער, וואלט מען אויסגעמיטען א סך בייז בלוט, פירוד, אנטיגאניזם, און שפאלטונגען אין ציוניזם—אבער, ווי זאגט דאס ווערטעל, בעסער שפעטער ווי קיינמאל נישט.

און הלואי זאל דער רוף פון קורס-ענדערונג און פון אחרות געפינען א טיעפען אבקלאנג און די צעהיצטע על-המשמר געמיטער און זיי דערפיהרען צו בעזינונג, צו לאגישע אויספיהרונגען, צום וואויל פון אמת'ן אלגעמיינעם ציוניזם.

„תל-אביב" אין טשענסטאכאו.

דאס בעריהמטע רעווי-טעאטער „תל-אביב" וועט מאנטאג, דעם 2-טען און דינסטאג, דעם 3 טען מערץ געבען צוויי גאסטשפילען אין קינא „לונא" מיט זייער ערשטקלאסיגען אנסאמבל און מיט'ן בעקאנטען רעזשיסער פון פאלעסטינער „האמטאטא" י. נאזשיק בראש.

וועגען דער רעווי האט זיך די גאנצע פרעסע זעהר ווארעם אבגערופען. אט וואס עס שרייבט דער „לאדזער פאלקסבלאט":

נאזשיק איז דאס מאל צו אונז געקומען מיט גאר עפעס נייעס. ניי פון אלע זייטען. ניי אין אינהאלט, אין טאן, אין פארם, אין דער טעמאטיק און אויך אין דער לופט. וואס שייך די אויפפיהרונג—נישטא וואס פארצווארפען. פערקעהרט, אלץ איז אויסגעצייכענט. דאס שפילען פון די אקטיארען איז א תענוג. צוריקגעשמועסט, קאנען דען אזעלכע אקטיארען און אקטריסעס ווי: שמואל לאנדוי, לילי ליליאנא, לעאן ליבגאלד, מרים מאנעלא, העלא מעלאמעד, יוליא פלוים, זישע קאץ, לעאן קאסווינער, פסח קערמאן, אייזיק ראטמאן, טוביה ראזענבערג, עווא שטאקפעדער, שמואל שעפטעל, שלעכט שפילען?

ביי אזא קינסטלערישען אינדיווידועלען און קאלעקטיווען צוזאמענשפיל, ווי עס קומען נאך צו די פרעכטיגע און זיס-הארציגע ניגונים אין דער שנעלפולסירענדער טעמפא פון דער האנדלונג, איז גאר קיין וואונדער נישט, אז עס קומט ארויס א קאנצערט-פארשטעלונג.

מיר האבען לאנג געווארט צו זעהן „תל-אביב", נאר מיר האבען זיך דערווארט אויף עפעס גוטס.

א גוטע איבערראשונג איז אויך דער דיריגענש י. שייעוויטש.

עס מוז אויפמערקזאם געמאכט ווערען, אז אין די צוויי טעג שפילט נישט דאס קינא „לונא", ווייל די ביהנע איז גענצליך פערנומען מיט דער קאלאסאלער דעקאראציע, וואס ווערט ספעציעל געברענגט צו די צוויי פראגראמען.

דער יודישער קאמבאטאנטען-פעראיין

איז מודיע, אז שבת, דעם 29 פעברואר פונקטליך 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין לאקאל אויף פאשא-גאס 24 א רעפעראט פון דר. פ. אקסער.

אלע מיטגלידער ווערען געבעטען צו קומען.

איינגאנג אויך פאר נישט-מיטגלידער.

פון בע"ם.

היינט פרייטאג 8 אווענד קומט פאר א לעקציע פון פאליטישע עקאנאמיע געפיהרט דורכ'ן ח' ליפמאן קאפינסקי.

שבת 3-30 — א רעפעראט פון פראפ. ב. וויינבערג.

עס איז געעפענט געווארען ביים בע"ם א לייען-זאל.

זונטאג 8-30 אווענד קומט פאר א לעקציע פון ציוניסטישער געשיכטע.

א באל אהן א באל...

קליינער פעליעטאן

ס'איז לעצטענס געווארען א מאדע איינצוארדנען בעלער אהן בעלער אדער ווי זיי רופען עס אן „באל בעז באלו"—מען שיקט ארויס בילעטען צו דער גאנצער שטאדט און שפעטער דעלעגירט מען אן'איינקאסענט נאכ'ן געלד.

די דאזיגע מאדערנע בעלער האבען א גרויסען מעלה, וואס זיי בעשטעהען בלויז פון הכנסה, למשל, ווי די תומכי עניים, וועלכע האבען בלויז הכנסות אהן הוצאות—אזוי אויך דער באל אהן א באל, ווען מען האט איינגעארד'ענט אן'אמת'ן באל, האט מען געמוזט דינגען א זאל, איהם דעקארירען, דאן אנגאזשירען אן'ארקעסטער און ערשט שפעטער איינלאדענען דאמען, וועלכע האלטען אב א פאר צעהנדליגג זיצונגען, ווי אזוי איינצוארדנען דעם בופעט, ווער עס זאל זיך פערנעמען מיט פערקויפען קאנפעטיע און אנדערע קלייניגקייטען, מיט איין ווארט—עס איז געווען א גרויסער הארמידער, און צום סוף, נאכדעם ווי א 50 ווייבער האבען זיך געפארעט און גליקליך געמאכט די גאנצע וועלט מיט זייער כלל-טהוערייי, פלעגט זיך ארויסווייזען, אז ס'איז געבליבען א מכה אין דער שיסעל, אז די גאנצע הארעוואניע איז געווען אומזיסט, ווייל די חלה איז אריין אין דער המוציא, און פאר'ן אייגענטליכען צוועק, פאר דער אינסטיטוציע גופא איז גארנישט געבליבען און אין בעסטען פאל אזוי פיעל, אז דער בעל-דבר איז די מיה נישט ווערט.

ביי א באל אהן א באל אבער, איז א מחיה מען דארף נישט דעם גאנצען קלאפערגעצייג, מען דריקט אב אביסעל בילעטען, מען צושיקט זיי צום עולם און שפעטער געהט מען נאכ'ן געלד. און מערקווירדיג, אז די בילעטען אויף א באל אהן א באל ווערען מעהר פערקויפט, ווי די בילעטען אויף אן'אמת'ן באל, ווייל בעת אן'אמת'ן באל האבען מאנכע אויסריידען, אז זיי קענען נישט קויפען קיין בילעטען, ווייל זיי געהען בכלל נישט אויף קיין בעלער; אנדערע ווידער טענה'ן, אז זיי זענען אין טרויער, נאך אנדערע האבען אנדערע תירוצים. ביי א באל אהן א באל איז נישטא קיין שום תירוץ, געה יא, געה נישט, אויף א באל אהן א באל קענען אלע געהן...

ביי מיינעם א בעקאנטען איז אפילו ארויסגעקומען א שטיקעל מחלוקה מיט זיין ווייבעל, מחמת די אשת-חיל האט נאך נישט געוואוסט דעם פראגראם פון אזא באל אהן א באל, איז ווי באלד זי האט בעקומען בילעטען, האט זי אנגעהויבען צו פייניגען דעם מאן, אז ער זאל איהר מאכען א קלייד פון קליידער-לאנד, ווייל דאס וועט זיין מסתמא א באל, וואס זייט בעלער עקזיסטירען, איז נאך אזא באל נישט געווען, און ווען דער מאן האט איהר ערקלערט, אז צו אזא באל דארף מען אינגאנצען נישט געהן, האט זי אנגעהויבען צו ספאזמירען, שרייענדיג, אז ער פערגינט איהר נישט זי זאל זיך ווייל'ען. ערשט ווען ער האט איהר אויפגעקלערט דעם אייגענטליכען זין פון אזא באל, האט זי זיך דאך בערוהיגט, האבענדיג דאס בעוואוסטזיין, —או אויך איהרע קאלעזשאנקעס וועלען זיצען אינדערהיים...

ווי איהר זעהט אלזא, איז דער באל אהן באל זעהר מאדערן, און אלע געזעלשאפטען בענוצען זיך אט מיט דעם מאדערנעם מיטעל.

און נישט בלויז פילאנטראפישע געזעלשאפטען, נאר דאס גאנצע לעבען אונזערס איז אזוי צוגעפאסט, ווי א באל אהן א באל.

נעמט דעם שחיטה-פראיעקט, וואס אונזערע „פריינד" ווילען אדורכפיהרען איז דאס נישט א באל אהן א באל.

אט למשל, דארף דער אקס געטויטעט ווערען נאר אנשטאט איהם צו שחט'ן, ווערט פארגעלעגט, אז מען זאל איהם הרג'ענען דאס הייסט שחט'ן זאל מען איהם יא נאר קיין בלוט זאל נישט געהן... איז איינמאל אוועק. צווייטענס ווילען זיי מאכען, אז יודען זאלען זיך מוזען אבזאגען פון עסען ריגדערן פלייש. יודען זאלען מאכען שמחות, נאר אהן א שמחה...

דער היינטיגער סוחר, ביי וועמען מען פאדערט גרעסערע פאדאטקעס, האט נישט קיין מעגליכקייט צו האבען קיין סחורות, ווייל מיט דייטשלאנד וויל ער נישט האנדלען, פון אנדערע לענדער איז דער צאל גרויס און „וויירוב-קראיאווי" איז נישט אין דער מאדע צו קויפען, קומט אויס, אז ער איז א סוחר אהן א סחורה.

דער דארפס-הענדלער טאר אין דארף נישט געהן האנדלען, אזוי אז ער איז נישט מעהר געבליבען ווי ביים נאמען—א דארפס הענדלער אהן א דארף.

איינער וויל נעמען א הלואה אין דער קאסע פאזשיטשקאווע, גיט ער אן א דעקלאראציע, וועלכע ווערט בעטראכט אויף א זיצונג, און ווען מען אנערקענט איהם שוין די הלואה, ווערט ער געוואויר, אז קיין געלד איז נישטא. עס איז א קאסע אהן געלד...

פילאנטראפישע געזעלשאפטען מאכען א קויהלען-אקציע אויפ'ן ווינטער, נעמען זיי צוזאמען געלד, נאר קיין קויהלען טיילט מען נישט, אזוי אז דאס איז א קויהלען-אקציע אהן קויהלען.

מיר יודען האבען בעקומען צוגעזאגט, אז ארץ ישראל וועט זיין אונזער נאציאנאלע היים, און ווען מיר אפפערען אונזער לעבען און געלד, ווען מיר האבען דאס לאנד פון א וויסטען מדבר אין א גן עדן פערוואנדעלט, ברענגענדיג דערביי פיעל קרבנות, ווייזט זיך צום סוף ארויס, אז מיר האבען א היים אהן א היים.

אונזערע היינטיגע פאניענקעס זענען אויך טאקע מיידלעך, נאר זיי זענען מארט נישט קיין מיידלעך...

אונזער גאנץ לעבען איז אויך א לעבען אהן א לעבען. אמת, מיר לעבען כלומרש'ט, נאר צי איז דאס אומשטיינס געזאגט א לעבען? מען קאן עס דרייסט אנרופען א לעבען אהן א לעבען.

הכל דבר בעתו. אלץ אין זיין זמן. מיר לעבען יעצט אין א צייט ווען ס'איז זעהר מאדערן צו מאכען א באל אהן א באל. נאר בעת די געזעלשאפטען מאכען ביי די בעלער אהן בעלער גוטע געשעפטען, הויכען מיר יודען אויס די נשמה ביי אונזער לעבען, וואס איז קיין לעבען נישט — ביי דעם באל אהן א באל...

סמאל.

ש. פייגענבוים

„יודאפאביע".

דאָס פּראָבלעם יודאָפאָביע, וואָס איז אונז אַלעמען בעקאַנט אונטער'ן נאָמען אנטיסעמיטיזם, איז נישט ניי. עס איז אַזוי אַלט ווי עס איז די געשיכטע פון יודען אין די גלות-לענדער.

לעולם איז די בעצייכנונג „אַנטיסעמיטיזם" נישט געאייגענט פאַר'ן בעגריף שנאה צו די סעמיטען, ווארום צו די סעמיטען האבען זיי לגמרי גאָרנישט; זיי ווילען נור דערמיט בעצייכנען שנאת-ישראל, יודען-האַס, אַנטי-יודעאיזם.

אַ פראַגע: פארוואס האט מען אונז פיינד?

מ'האט אונז פיינד, ווייל מיר זענען אָרים; מ'פיינדט, ווייל מיר זענען רייך (מ'שטיינס נעזאָגט); אמאָל, ווייל מיר זענען קליין און שוואך; אַמאָל, ווייל מיר זענען גרויס און שטארק; מ'שפעט פון אונז, ווייל מיר זענען נישט נעבילדעט; מ'שלאָגט, ווען מיר ווילען זיך לערנען. ווי זאגט דאס פאָלקסוואָרט: געה איך פאַמעליך זאָגט מען כ'קריך, געה איך שנעל צורייס איך די שיך. דעריבער איז נישט וויכטיג פארוואס מ'האט אונז פיינד. די שנאה איז א אייביגע צום אייביגען פאָלק. עס איז אפשר טראגיש דאס פעסטצושטעלען, אָבער ליידער איז עס אמת.

און דאָך ווערט אימה'דיג אַ טראַכט צו טהון: דאָס נור דערפאַר, וואס דער מענש האט געהאַט דאס גליק אָדער אומגליק געבוירען צו ווערען ביי יודישע עלטערן איז שוין לגבי איהם אַלעס ערלויבט; שטעהט ער שוין אויסער יעדען געזעץ. עס ווערט קאַלעמוטנע אויף דער נשמה און טרויעריג אין האַרצען, א שוידער געהט אַדורך אויב מ'פערטראכט זיך אַ ביסעל ווי מיר זעהען אויס: געיאָגט און געפלאָגט, געטרעטען און געשטויסען פון יעדער נישטיגקייט און גאָרנישט, און דאס אַלעס מוז מען פערבייסען מיט שטילשווייגען, אפילו שרייען לאָזט מען נישט.

שווער צו לעבען אַ מענש אויף דער וועלט, וועלכער ווערט ענטוישט, נאָך שווערער אַ פאָלק אַ גאַנצעס. מיר האָבען געגלויבט דאס די צייטען פון מיטעל אלטער זענען שוין ווייט הינטער אונז; מיר האבען געגלויבט דאָס פרייהייט, גלייכהייט, ברידערליכקייט, דער דעוויז פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האט זיך שוין איינגעבירגערט אין דער פסיכיק פון די אומות העולם, און לסוף זיך ענטוישט. ביטער ענטוישט.

מ'זאגט: דער מענש פון דער נאַטור איז אטאוויסטיש. עס דרימעלט נאָך אין איהם דער אור-מענש, וועלכער איז אין עצם אַ צווייפוסיגע חיה פון דער קאַטעגאָריע זויגלונגען, נור דורות פון גייסטיגע קולטור, סאָציאַלע דיסציפלין וכו' צווינגט אויף איהם ארויף א זיידען העמדעל, העמט אין איהם דאס חיה'שע. ווי נאריש איז די טעאָריע אין ליכט פון היינטיגע געשעהענישען אויף גאר דער וועלט. צי דען הייסט באָיקאָט-אויפרופען גייסטיגע קולטור? צי קען מען דען אָנרופען זאָאָלאָגישען אַנטיסעמיטיזם סאָציאַלע דיסציפלין? אדרבה! הייסט דען דאס נישט געשפיגען קלעק אויף מענשליכע דערגרייכונגען, איז דען דאס נישט אַ ריקצוג צום מיטעלאַלטער?

אוודאי קען מען שוין היינט נישט בענוצען אלטע מיטעלאַלטערליכע אַרגומענטען אויפצורייצען דעם המון מיט באָבע-מעשיות: דאס יודען פערסמען די ברונימער אָדער דאס יודען טהוען כישוף צו קריסטען, כדי צו וועקען געגען אונז מאסען-שנאה און אַ בעציהונג ווי צו קאַניבאַלען מענשען-פרעסער. אין לויף פון דער צייט זענען זיי שוין געוואָרען אָבגעבליאַקעוועט, פערשימעלט. היינט צו טאָג דארף מען שרעקען דעם המון נישט מיט'ן טייוועל אָדער כישוף, ווייל ער וועט סיי-ווי-סיי נישט גלויבען. נייע צייטען נייע לידער. אנשטאט פערסמ'ען די ברונימער, בעשולדיגט מען אונז היינט אין פערסמ'ען די ארישע עפענטליכע מיינונג צוליעב דעם יודישען פובליציסט, וואס ארבייט דאָרט (אוודאי צוליעב זיין פאַציפיזם); אנשטאט כישוף'ן די קריסטען, בעשולדיגט מען אונז אין כישופן דעם קריסטליכען קונה, וועלכער קויפט דוקא ביי א יוד אויף צו פיקעניש פיעל באָיקאָטיסטען (ס'קאָסט איהם ביי אַ יוד בילינגער). ס'האט מיר דערצעהלט אַ בעקאַנטער, אין שמועס מיט זיין קריסטליכען קונה האט איהם יענער געזאגט, אַז מען לאָזט איהם נישט קויפען ביי יודען, נור ער מוז דאָך קויפען ביי א יוד, אויב ער וויל זיין קאָנקורענץ-פעהיג. מיט איין וואָרט, ס'איז די זעלבע יענטע פון אמאָל, נור מאָדערן געקליידעט.

מיר לעבען היינט צו טאָג אין אַ תקופה, ווען די פאָלקס-פסיכיק, גייסטיגע קולטור, קען נישט בעווייזען דעם זעלבען טעמפאָ, וואס די טעכנישע קולטור. טעכניש לעבען מיר אין צוואנציגסטען יאָהרהונדערט, אין דער צייט פון ראַדיאָ, טעלעוויזיע, סטראַטאָספערע-פליה וכו' — גייסטיג אין פופצעהנטען יאָהרהונדערט, אין מיטעלאלטער, אין די צייטען פון רדיפות, נגישות, אויטאָ-ד'אפע'ס.

ס'קומט אויס דאס ס'איז אפשר גאָרנישט קיין אנאכראניזם דאס נאָך דער דעקלאַראַציע פון מענשען-רעכט פון אכצעהנטען יאָהרהונדערט זאל שפעטער קומען אַ נירענבערגער דעקלאַראַציע פון מענשליכע דערנידערונג. גייסטיג געהט מען אַלץ צוריק און מ'האלט שוין ביים פינסטערען מיטעלאלטער. טעכניש — פּראָגרעס, פּראָגרעס. די גייסטיגע קולטור פון אונזער צייט בלייבט הינטערשטעליג ביי דעם וועטגעלויף פון טעכנישער קולטור.

וואס עס איז יאָ כאַראַקטעריסטיש פאר אונזער צייט, איז דאס טויב און שטום זיין, לגבי אונזערע עולות און דערנידערונגען פון די אויבערשטע צעהן טויזענד פון דער מענשהייט, פון דער גייסטיגער עליטע.

און די לעצטע יאָהרען פון פאָריגען און אָנהויב פון יעצטיגען יאָהרהונדערט, ווען אין מערב האט זיך געטומעלט מיט ענין דרייפוס און אין מזרח האט זיך א שיט געטהון פאָגראָמען אינסצעניזירט דורך דער צארישער מאכט, מיט גזירות, רדיפות און נגישות, און אלס פרעמיע האט מען אונז געשאָנקען אַ ביילים'אדע. אין יענע פינסטערע טעג איז כאָטש געווען אַ שטיקעל דערלייכטערונג פאר אונז, ווארום עס האבען זיך אויסגעטיילט אַ הייפעל ליכטיגע געשטאלטען, וועלכע האבען זיך נישט געלאזט מיטרייסען מיט דער ווילדער המונ'ישער שנאה צום שוואַכען, ווייל ער איז שוואַך. אבער היינט, וואו זענען זיי?

וואו איז היינט דער זאָלאַ וואס זאל ארויס מיט זיין מוטיגען „זשאקיוז" וואס זאל מאכען אויפציטערן דאס וועלט געוויסען; וואו זענען היינט די קאָראָלענקאָס אָדער מאַקלאַקאָווס און קאַראַבטשעווסקיס מיט זייערע וואַגיגע ווערטער. וואו זענען זיי אַלע? צי איז שוין אינגאנצען פערשטימט געוואָרען דאס וועלט געוויסען אָדער עס איז נור טויב שטום און בלינד ווען עס האנדעלט זיך בנוגע יודען.

עס איז אפשר היינט צוטאָג נאַאיוו און נאַריש זיך צו פערלאָזען אויפ'ן וועלט געוויסען, ווען געוויסען אין אלגעמיין איז א אָבגערופענע מטבע.

אמת מיר זענען היינט אויסגעשטעלט נור און אויסשליסליך אויף אייגענע כחות מיר טאָרען זיך גאָרנישט פערלאָזען אויף עמיצענס הילף. אָבער יאָהרענפאלס נישט פערצווייפלען; נישט ווערען אָבהענגיג; נישט ווערען צוזאמענגעבראָכען אין קאַמף פאַר אונזער קיום, ווארום אויף דעם קוקען נור אויס אונזערע שונאים, וועלכע לויערען אויף אונז ווי היענעס אויף פגרים; נישט אריינפאלען אין אַפּאַטיע און יאוש שטימונג.

אויך די צאָרען האבען זיך אויף אונז פערמאָסטען—פון די צאָרען איז קיין זכר געבליבען און מיר לעבען ווייטער.

ווי זאגט דער דיכטער: הוליעט, הוליעט בייזע ווינטען יעצט איז אייער צייט. אמת יעצט איז זייער צייט, אָבער דערמיט אינגאַנצען מיאוש זיין דעם בעסערען מאָרגען איז נישט קלוג.

עס ווערט נישט פריהער ליכטיג ביז ס'ווערט גוט פינסטער. מיר זעהען די פינסטעריניש האט שוין דערגרייכט איהר קולמינאַציע פונקט, לאָמיר האָפען, אַז די ליכטיגקייט איז שוין נישט ווייט...

ס'איז שוין די העכסטע צייט!

דער ענין, וועלכען איך וויל דאָ בעריהרען איז נישט קיין נייער, ליידער שוין א צו אַלטער, ס'איז שוין אַזוי פיעל מאָל וועגען דעם געשריבען געוואָרען און אַזוי פיעל מאָל גערעדט געוואָרען און ס'בלייבט אלס אַ קול קורא במדבר, ס'איז אָבער דערפון בשום אופן נישט געדרינגען, אַז מ'דארף איבער איהם אריבערגעהן צום טאָג-אָרדנונג. פערקעהרט, איך מיין, אַז מ'דארף אַזוי לאַנג מאָהנען, אַזוי לאַנג פאָדערען, אַזוי לאַנג שרייען, ביז מ'וועט דאס אונזעריגע דערגרייכען.

עס האנדעלט זיך עבען וועגען דער „קליינינגקייט" פון אריינברענגען סחורות פון דייטשלאנד. אמת, דער ענין איז זעהר א אנגעוועהטאַגטער, א זעהר קאָמפּליצירטער און קען בשום אופן אין א צייטונגס-ארטיקעל נישט ווערען אויסגעשעפט. מ'קען אפשר טאקי נישט פערלאַנגען פון יודען, וועלכע זייער גאַנצע עקזיסטענץ האבען זיי צו פערדאַנקען זייער פערבינדונג מיט דייטשלאַנד, אַז זיי זאָלען פלוצים מיט אמאָל מיט אַלעם איבעררייסען און זייער עקזיסטענץ זיך צוברעכען. מ'קען אפשר טאקי אזעלכע קרבנות נישט פערלאַנגען, הגם ,יחידים האבען טאקי אלס צייכען פון פּראָטעסט זייער גאַנץ לעבען — אין פשוט'ן זין פון וואָרט זייער גאַנץ לעבען — איינגעשטעלט, נו, דאס געהער טאקי נאָר צו יחידים, אנבעלאַנגט וואסערע גרויסע מאַס אָפּפערוויליגקייט דער מענש פערמאָגט, אָבער צו קענען פועל'ן ביי זיך, נישט מיט קיין גרויסע קרבנות, נאָר מיט עטליכע צעהנדליג אָדער זאָגאר מיט עטליכע הונדערט זלאָטעס א יאָהר, נישט קיין ריוח, נאָר מניעת ריוח — שליסליך אַזאַ ריוח, וועלכען דער קאָנקורענט האט אויך נישט אָדער וועט איהם עווענטועל נישט האבען, און ס'וועט איהם חלילה זיין עקזיסטענץ נישט צוברעכען, אויף דעם ברויכט מען שוין — דאכט זיך — גאָר קיין גרויסער העלד נישט צו זיין, אַז מ'זאָל זיך צוליעב דער סאָלידאַריטעט פון יודישען פאָלק אויף אַזעלכען מוותר זיין. מ'מוז שוין האבען אין זיך אַ גרויסע מאַס פעררעטערישען מוט און זעהר א ברודיג געוויסען כדי אזא עולה צו בעגעהן.

ס'זענען מיר בעקאַנט היגע פאַבריקאַנטען און מן הסתם זענען אויך דאָ סוחרים, וועלכע בעציהען געוויסע אַרטיקלען פון דייטשלאנד אין דער זעלבער צייט, וואס זיי קענען די זעלבע אַרטיקלען פון אנדערע לענדער בעציהען, נאָר מיט דעם חילוק, וואס פון דייטשלאנד קאָסט עס מיט עטליכע פּראָצענט בילינער.

ס'איז, מיין איך, די אויפגאבע פון היעגען אַנטי-היטלער-קאָמיטעט אויפצופאָדערען די זעלבע פאַבריקאַנטען אָדער סוחרים, אַז זיי זאָלען זייער **פעררעטערישע ארבייט איבעררייסען** מיט דער דראָהונג פון שטעלען זיי צום שאנד-סלופּ.

אין „היינט" האָט זיך דאָ נישט לאַנג בעוויזען אַ ידיעה, אַז אין פאַריז האט דער אַנטי-היטלער-קאָמיטעט פונאַנדערגעשיקט נישט נאָר צו יודישע, נאָר אויך צו פראַנצויזישע סוחרים צירקולאַרען מיט אַ שבועה-טעקסט, אַז „אַזוי לאַנג ווי דער היטלער-רעזשים וועט עקזיסטירען, וועלען זיי קיין שום סחורות פון דייטשלאנד נישט בעציהען", און ווי די צייטונג האט צוגעגעבען, איז די אַקציע אַדורך מיט גרויס ערפאָלג, אַזוי, אַז 75 פּראָצענט פון די פונאַנדערגעשיקטע שבועה-טעקסטען זענען צוריקגעקומען **אונטערגעשריבענערהייט**, און די יעניגע, וועלכע האבען נישט אונטערגעשריבען, האבען געגעבען זייערע ערקלערונגען פארוואס זיי האבען עס נישט געטהון.

פארוואס זאל מען אַזעלכעס אויך דאָ נישט אדורכפיהרען? פארוואס זאָלען אזעלכע יודען פראַנק און פריי טהוען זייער פעררעטערישע ארבייט אונבעשטראָפט? פארוואס זאָלען זיי שפייען דעם יודישען פאָלק אין פנים אריין און מ'זאל געגען דעם נישט ווי געהעריג רעאגירען? זאָלען אזעלכע לייט וויסען, אַז זיי זענען אויסוואורפען, אַז פאר עטליכע זלאָטעס שליסען זיי זיך אויס פון יודישען כלל. און אויב זיי האבען עס נאָך ביז היינט נישט אַליין פערשטאַנען מוז מען זיי געבען צו פערשטעהן.

א. שמולעוויטש

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

א זעהר שעהן שטיקעל ארבייט.

מיט עטליכע חדשים צוריק האט די ענדעקישע פראַקציע אין היגען שטאָדט-ראַט אריינגעטראָגען א ברייט מאָטיווירענדען פאָרשלאַג וועגען אסר'ן די שחיטה. תיכף איז דער היגער רב אין פערשטענדיגונג מיט'ן קהלה-פּרעזעס יעקב ראָזענבערג צוגעטרעטען אויסצואַרבייטען אַן'אויספיהרליכען מעמאָריאַל פאַר'ן היגען מאגיסטראט און שטאָדט-ראַט, בכדי געגנוי צו בעגרינדען דעם יודישען שטאַנדפּונקט אין דאָזיגען ענין און אָבצוואַרפען די בלבולים און שקרים, וועלכע געפינען זיך אין די מאָטיוען פון ענדעקישען פאָרשלאַג. דער מעמאָריאַל פון רב איז דורך פּרעזעס ראָזענבערג צו דער געהעריגער צייט אריינגעטראָגען געוואָרען אין היגען מאגיסטראַט.

ווען אָבער דער ענין שחיטה איז געוואָרען אַקטועל אויך אין א רייהע אנדערע שטאָדט-ראַטען אין פוילען און מען האט אָנגעהויבען צו רעדען וועגען דעם, אַז א גרופּע דעפּוטאַטען גרייט זיך אריינצוטראָגען אין סיים א פאָרשלאַג וועגען אסר'ן די שחיטה, האט דער היגער רב אין הסכם מיט דער מימרא פון אונזערע חז"ל זריזין מקדימין למצוות—זיך גענומען צו בעאַרבייטען דעם ענין אין א ברייטערען פערנעהם, כדי צו געבען אַן'אויספיהרליך ווערק וואס זאל זיין אין א פּאָפּולערער לייכטער פאָרם אין דער פוילישער שפּראַך בעלויכטען אלזייטיג די זאַך און דינען אלס תשובה אויף אלע פאָרוואורפען

געגען דער יודישער שחיטה.

אין מיטען דערינען: ויבא המן!— דער פאָרשלאַג וועגען אסר'ן די יודישע שחיטה איז אריינגעטראָגען געוואָרען אין סיים דורך דער אשת חייל'ניצע (פּאָלקאָווניקאָווע בלפ"ז) האשה הכשרה מרת פּריסטאָר תחי'. און גערעכט איז געווען דער פון די תנאים, וועלכער האט געזאגט, אז כל המלמד את בתו תורה כאילו מלמדה תפלות, ווייל אין דער בעגרינדונג פון געזעץ-פּראָיעקט האט זי ארויסגעוויזען אזא גרויס „לומדות", אז רבנים מופלגים מעגען זיך ביי איהר לערנען... דרך-אגב איז כדאי צוצוגעבען, אז די בעל-רחמנות'ניצע מאַדאַם פּריסטאָר איז אויסגעוועהלט געוואָרען אלס דעפּוטאַטין מיט יודישע שטימען פון שוויענציאַנער קרייז און מיט'ן אריינטראָגען אָט דעם פאָרשלאַג האט זי געוואָלט אָבדאַנקען איהרע יודישע וועהלער...

די שחיטה-פראגע ווערט אָבער וואס אמאָל ערנסטער און ערנסטער, און דערווייל ערשיינען וואס אמאָל נייע בראָשורען און פרישע ארטיקלען געגען דער שחיטה, דורכ'ן ראַדיאָ ווערען אבגעהאַלטען אנטי שחיטה-דרשות און א קלאָרע תשובה איז דרינגענד נויטיג. ווערט דעריבער די ארבייט ביים אויספערטיגען די בראָשור פון היגען רב פיבערהאָפט.

ודבר בעתו מה טוב. די בראָשור איז פערטיג, די יודישע קהלה דריקט זי אָן אויפ'ן אייגענעם חשבון אין א גרעסערע צאָהל עקזעמפּליאַרען און ווי נאָר זיי ווערען אויסגעפערטיגט, פאהרען אָב קיין ווארשא מיט'ן פּעקיל בראָשורען מורנו ר' יעקב בענדעט ראָזענבערג און הבחור ר' מנחם מענדיל (נישט שלום עליכם'ס נאָר געהנטער צו שלום אש...)

הכלל, רבותי, מיט'ן מאָמענט ווען אונזערע רבנים, כלל-טהוער, פּאַרלאַמענטאַריער, סענאַטאָרען, פּרעזעסען האבען זיך בעקאַנט מיט דעם אינהאַלט פון דער בראָשור—ויחרד לבם. אָוואַ—האבען זיי אויסגעשריגען – אָט דאס מיינט מען דאָך, אָט די בראָשור איז דאָך מפז ומפנינים יקרה; עס איז דאָך דאס אמת'ע ווערק! און באַלד האבען די אלע, וועלכע האבען זיך געגרייט ארויסצוגעבען אַזעלכע תשובות, אַוועקגעלייגט די פעדערס, שוין, מיר דאַרפען נישט מעהר, די בראָשור פון דעם רב ר' נחום אַש איז גענוגענד און גוט א קלאָרע און וואַגיגע תשובה אויף אלע אונזערע טענות און „לומדות" פון אונזערע געגנער.

און אויף א ספּעציעלער זיצונג, וואס איז צונויפגערופען געוואָרען אין ווארשא וועגען דעם ענין איז בעשלאָסען געוואָרען בפה אחד ארויסצוגעבען די זעלבע בראָשור אין א צווייטער אויפלאַגע אין דער צאהל פון 5000 עקזעמפּליאַרען.

און פון אלע זייטען פון כל תפוצות ישראל קומען אָן בריעף צו דער טשענסטאָכאָווער יודישער קהלה ווי אויך צום רב מיט בקשות, אז מען זאָל למען השם תיכף ארויסשיקען די דאָזיגע בראָשור, וועלכע האט איבעראַל ארויסגערופען א רעש גדול ונורא.

ווי אי[illegible]הט האט די בראָשור פון היגען רב א היסטאָרישע בעדייטונג, און מיר טשענסטאָכאָווער יודען מעגען זיין שטאָלץ מיט אונזער רב, וועלכער איז דער איינציגער, וואס האט אין אזא שווערען מאָמענט פאַר'ן פּוילישען יודענטום צוגעשטעלט א היסטאָרישע מיסיע.

די דאָזיגע בראָשור געפינט זיך איצט אויסער ביי יודען, אויך ביי אלע מיניסטאָרען, דעפּוטאַטען, סענאַטאָרען, מאַגיסטראַטען א. א. וו.

דעם רב'ס בראָשור, וועלכע איז א קלאַסיש ווערק אויף דעם שחיטה-געביעט, האט געמאכט א קאָלאָסאַלען רושם און וועט ברענגען כבוד דער טשענסטאָכאָווער קהלה און רוהם איהר מחבר — דעם היגען רב ר' נחום אַש שליט"א.

עס איז געווען א שעהן שטיקעל ארבייט.

מכל קצוי פוילען...

איין איינציגער אַנאָנס האט זיך בעוויזען אין „מאָמענט", אז דער פּאָסטען פון א חזן אין שטאָדט-שוהל איז פריי. נו, נו, האבען זיך אָנגעהויבען שיטען אָפערטען אַזוי ווי מאָהן. פון אלע עקען פון פוילען, וואו עמיצער האלט זיך נאָר פאַר א זינגער— און ווער פון אונזערע יודען האלט זיך נישט פאַר קיין זינגער...—האבען אָנגעהויבען אריינשיקען אָפּערטען, און יעדער איז א קינסטלער, יעדער איז א סיראָטא, א קוסעוויצקי...

מאַנכע בעגניגען זיך בלויז מיט א קאַרטעל. פערהאַנען אָבער אַזעלכע, וועלכע שרייבען אָן 8 זייטיגע בריעף, ביילעגענדיג דאַנק-בריעף פון קהלות, רעצענזיעס פון צייטונגען, רעפערענצען א.ד.גל.

אויב די קהלה וועט נישט שנעל בעשליסען צו אַנגאַזשירען א חזן, וועט די קהלה מוזען צונעמען א ספּעציעלען בעאַמטען, וועלכער זאל זיך נאָר פערנעמען מיט די בלויזע אָפּערטען, וואס קומען אָן מכל קצוי פוילען...

ווי אין די אמאליגע צייטען...

דאס איינציגע געוועהר, וואס יודען האבען אמאָל בענוצט, ווען עס זענען אויף זיי געקומען גזירות, איז געווען תהילים. מען האט זיך פערזאַמעלט אין די שוהלען און בתי מדרשים און מען האט געזאָגט תהילים. און ווען יודען האבען זיך אויסגעשריגען זייער הארץ פאַר'ן אויבערשטען, זענען זיי געווען זיכער, אז די גזירה וועט בטל ווערען.

אינטערעסאַנט איז, אז ווען מען האט יודען עקאָנאָמיש אונטערגעדריקט, האבען זיי נישט געמאכט אַזאָלכע געוואַלדען, נאָר ווען מען האט אָנגעריהרט זייער דת, איז דאס תהילים'על געווען אויפ'ן טאָג-אָרדנונג.

פון יענע צייטען זענען געווען פיעל איבערקעהרענישען, די וועלט האט שוין איבערשאַצט איהרע אלטע ווערטען, מענשען האבען אנדערש אָנגעהויבען טראַכטען, די נייע ערפינדונגען האבען ארויסגעשטויסען די רעליגיע. הארמאַטען, גיפטיגע גאַזען איז ביי די אומות העולם געוואָרען א גוט געוועהר געגען פערשידענע גזירות אָדער ענויים. ביי יודען אָבער, ביי דעם עם-סבא איז אָבער נאָך אַלץ געבליבען דאס תהילים'על דאס איינציגע און שטאַרקסטע געוועהר.

מען האט אָנגעריהרט אַן'עיקר פון

אפל. אדוו. י. קושעפיצקי.

ראס געזעץ וועגן „ריטשאלט-אבראטאווע".

אין דז. אוסטאוו נומ. 10/36 איז פערעפענטליכט געווארען דאס געזעץ וועגן „ריטשאלט" אויף די יאהרען 1936 און 1937. לויט דעם דאזיגען געזעץ אונטערליגען דעם „ריטשאלט" אלע אונטערנעהמונגען, וועלכע האבען אין פערלויף פונ'ם יאהר 1935 ערררייכט א אומזאץ, וועלכער שטייגט נישט איבער די סומע פון 50.000 זל., אריינ־רעכענדיג דערין דעם אבראט מיט די ארטיקלען, אויף וועלכע דער אומזאץ־שטייער איז „סצאלירט", און וועלכע זענען אויפ'ן יאהר 1936 פעררעכענט געווארען אויפ'ן ס מ ך פ ו נ ' ם ג ע ז ע ץ ו ו ע ג ע ן „פ א ד א ט ע ק פ ר ז ע מ י ס ל א ו י" צו פאלגענדע קאטעגאריעס:

א) 2-טע קאטעגאריע ס. 2 און 3; דאס זענען אונטערנעהמונגען, וועלכע זענען פעררעכענט געווארען צו דער 2-טער קאטעגאריע, כאטש זיי פיהרען אנ'איינצעל-האנדעל, אפילו („דראבנא ספרזעדאזש") נאר צו קאנסומענטען, אבער מיט טייערערע סחורות, ווי: ראווערען, מאטאציקלען, סאמאבאדען, פארצעלאן, און קרישטאל-אויסארביי־טונגען, דיוואנען, גאבעלינען, וויין, קאניאק, קאסמעטיק, פאטאגראפישע אפאראטען, לאקירען א. א. דאגעגען אונטערנעהמונגען, וועלכע זענען פער־רעכענט געווארען צו דער 2-ער קא־טעגאריע דערפאר, ווייל זיי פערקויפען אויך צו קלענערע סוחרים (נישט בלויז צו קאנסומענטען) געניסען נישט פון „ריטשאלט".

ב) האנדעלס-אונטערנעהמונגען פון 3-ער און 4-ער קאטעגאריע, וועלכע בעזיצען אזעלכע פאטענטען אויפ'ן סמך פונ'ם געזעץ און נישט אלס הנחה-פאטענטען.

ג) אינדוסטריע - אונטערנעהמונגען פון 8-ער קאטעגאריע. דא פאלען ארונטער קליינע מיהלען, פארבעריייען, זייף-פאבריקען, פאבריקען פון כעמישע און קאסמעטישע ארטיקלען, גארבערייען, פאבריקען פון רעהרען, דראט, לאק, שיוואקס, פאראפין א. א.

ד) האנדווערקער - אונטערנעהמונגען פון 6-ער, 7-ער און 8 ער קאטע־גאריע.

ווען די דאזיגע אונטערנעהמונגען ווערען אין יאהר 1936 געפיהרט אונ־טער אנ'אנדערע פירמע אדער דורך אנ'אנדערע פערזאן, ווי אין יאהר 1935, ווערט זיי דער „ריטשאלט" אויך אנער־קענט דאמאלס, ווען ס'ווערען נישט גע־ענדערט נישט די בראנזשע, נישט דער אומפאנג פונ'ם געשעפט און מען פיהרט דאס געשעפט ווייטער אין דער זעלבער געגענד. פון די אויבענאויסגע־רעכענטע אונטערנעהמונגען זענען, צווי־שען אנדערע, אויסגעטיילט געווארען פונ'ם „ריטשאלט" דער קלענערער פלייש-אין ווארשט-האנדעל און ווארשט־פראדוקציע, ווי אויך די דאזיגע אונ־טערנעהמונגען, וועלכע וועלען ביז'ן 29 לוטי 1936 בעלעגען אין שטייער־אמט א שריפטליכע ערקלערונג, אז פון אנהויב 1936 פיהרען זיי האנדעלס־ביכער.

די אויסמעסטונג פונ'ם „ריטשאלט-שטייער" וועט אדורכגעפיהרט ווערען דורך די שטייער-אמטען לויט'ן פאל־גענדען סיסטעם: אלע אונטערנעהמונ־גען, וועלכע אונטערליגען דעם „ריט־שאלט" זענען דורכ'ן געזעץ איינגע־טיילט געווארען אין 20 גרופען לויט'ן פאלגענדען טאריף:

גרופע	די יעהרליכע שטייער-סומע אין זלאטעס
1	20
2	30
3	40
4	50
5	60
6	75
7	90
8	105
9	120
10	135
11	150
12	180
13	210
14	240
15	270
16	300
17	345
18	390
19	435
20	480
21	525
22	570
23	615
24	660
25	705
26	750

דאס פעררעכענען אנ'אונטערנעה־מונג צו איינער פון די דאזיגע גרופעס, איז אפהענגיג פון דער גרויס פונ'ם אומזאץ אין יאהר 1935, וועלכער וועט ווערען געשאצט דורך די שטייער-אמ־טען, אויפ'ן סמך פון, דורך זיי, געזא־מעלטען מאטעריאל.

אין א ספעציעלען „אקולניק" פונ'ם 10 לוטי ה. י. האט דאס פינאנץ-מיניס־טעריום בעאויפטראגט די שטייער-אמ־טען פעסטצושטעלען די סומע פונ'ם אומזאץ אין פאל ווען דער שטייער־אמט בעזיצט נישט קיין גענוגענדען, קאנקרעטען מאטעריאל, ביי דער מיט־ווירקונג פון זאכקענער.

מיר מאכען אויפמערקזאם, דאס אין דעם דאזיגען „אקולניק" פאדערט אויף דאס פינאנץ מיניסטעריום די שטייער־אמטען גלייך צוצוטרעטען אדורכצופיה־רען די געהעריגע לוסטראציעס פון די אונטערנעהמונגען.

ביז דעם 31 מערץ 1936 וועט דער שטייער-אמט צו וויסען טהון שריפט־ליך די געהעריגע אונטערנעהמונגען, צו וועלכע „ריטשאלט-גרופע" זיי זע־נען געווארען פעררעכענט.

דער שטייער-צאהלער האט דאס רעכט אין פערלויף פון 14 טעג פונ'ם דער־האלטען די דאזיגע שריפטליכע בע־קאנטמאכונג, אריינצוטראגען אינ'ם שטייער-אמט שריפטליך א פארשלאג וועגען פעררעכענען די אונטערנעהמונג צו אנ'אנדערע „ריטשאלט-גרופע". דער דאזיגער שריפטליכער פארשלאג איז פריי פון אבצאהל.

וועגען די ווייטערדיגע פארשריפטען פונ'ם דאזיגען געזעץ, וועלכע בעריה־רען דעם אופן פון ערלעדיגען דעם אריינגעטראגענעם פארשלאג און אנ־דערע וויכטיגע אנגעלעגענהייטען, וועל־כע זענען נוגע דעם פעסטשטעלען דעם הויך פונ'ם „ריטשאלט" — די נעכסטע וואך.

מרדכי קיפמאן

א מענש זוכט ארבייט

נאוועלע

1.

שוין איינגיגע חדשים ווי לעאן האט אזעלכע שווערע קאשמארפולע נעכט. וויפיעל ער זאל זיך נישט בעמיהען צו בעהערשען פון נישט טראכטען ביי־נאכט—געלונגט עס איהם נישט. ער פיהלט ווי מיט יעדען טאג ווערען זיי־נע שטארקע, אמאל אייזערנע נערוועען, אלץ מעהר אבגעשוואכט. ער האט דערצו קיין עצה נישט. ס'העלפט נישט דער ווילען, פערשטאנד, לאגיק—ער קען ביינאכט רוהיג נישט איינליגען אויפ'ן געלעגער.

ביי זיינע דרייסיג יאהר האט ער שוין אזויפיעל געזעהן אין לעבען, מיטגעמאכט אלע שבעה מדורי גיהנום פון אויפשטייג און פערקעהרט, אז ער טהוט שוין איצט בעטראכטען דאס לעבען און די מענשען מיט דער רו־היגקייט און גלייכגעוויכט פון א 70-יעה־ריגען קלוגען, אלטיטשקען, וועלכער אויסהערענדיג יענעמס נארישע רייד און אידיאטיזמען, קאכט ער זיך נישט, צינדט זיך נישט אן מאמענטאל, נאר האט געדולד יענעם אויסצוהערען ביז'ן סוף און אויף זיינע דינע ליפען בע־ווייזט זיך דאן א קוים-בעמערקבארער איראנישער שמייכעל, וואס גיט איהם צו א בעזונדערען רייץ.

איגדערפריה, ווען לעאן איז שוין באלד מיט זיך פערטיג, געהט ער אויף די שפיץ פינגער, ס'דוכט זיך איהם ווי ער וואלט מיט'ן ראשיגען געהען איבערגעריסען דעם זיססען שלאף פון זיין פרוי, וועלכע ער האט אזוי אויסערגעוועהנליך, אזוי שטארק ליעב.

העלא, די פרוי זיינע, האט בלויז לייכט פערמאכט די אויגען, אבער זי שלאפט אויך שוין לאנג נישט. ביי זיין אדורכגעהן איבער'ן שטוב רופט זי זיך אן: אוי, לעאן! וואס וועט זיין, וואס וועט זיין ווייטער? ס'האט דאך נישט קיין זין אזא לעבען אהן אינהאלט, אהן ארבייט; די טעג לוי־פען מיט גארנישט און מיר שטעהען נאך אלץ ביים זעלבען, דאס ארומ־דרעהען זיך ליידיג קען דאך דערפיה־רען צו א קאטאסטראפע.

די פאר ווערטער זענען פאר לעא־נען פולשטענדיג גענוג. העלא מאכט נישט קיין געוואלדען, שרייט נישט, זי רעדט רוהיג, קלוג און מיט אזא שניידיגער לאגיק, אז ס'הויבט איהם אן אזש קלעמען ביים הארץ. ווען מען זאל איהם שמייסען מיט פייער־דיגע ריטער איבער'ן קערפער, וואלט איהם נישט אזוי וועה געטהון ווי אט־א די דאזיגע לאגיק. זענען זיי דאך עפיס קולטורעלע, אינטעליגענטע מענשען, וואס געניגט בלויז דער בליק, כדי זיך צו פערשטענדיגען און זיך פער־שטעהן.

זי מאכט איהר לעאנען נישט קיין מארק-ווייבערישע סצענעס. זי זאגט איהם נישט, אז ער איז א שלימזול, וואס קען קיין ארבייט נישט קריגען. אין איהרע ווערטער פיהלט זיך אפילו נישט קיין פארוואורף. ווייסט זי דאך גוט, אז ער לויפט ארום טאג-איין, טאג-אויס צו זיינע פערשידענע אלטע בעקאנטע און עסקנים פון די גוטע, גאלדענע צייטען פון דער „שטורם-און דראנג-עפאכע", ווען ס'איז געלונגען ארויפצוקראכען זיך אויפ'ן לייטער און זיך צו האלטען—בעכבוד ביי זיי בע־שעפטיגונג פאר א יונגען, פעהיגען מענשען—און שטענדיג קומט ער אהיים מיט דעמזעלבען, אז מ'האט איהם אי־בעראל צוגעזאגט...

העלא ווייסט, אז די אלע הבטחות זענען גארנישט ווערט און איין רעזול־טאט גיבען זיי מינוס, אבער עס דרעהען און שפארט ביים הארץ, וואס דער גורל האט אזא שפיעל געטהון מיט צוויי יונגע מענשען, וועלכע ווילען און זוכען ארבייט, כדי צו דערהאלטען זיך אויף דער אויבערפלאך און קענען עס ביי די גרעסטע אנשטרענגונגען נישט געפינען.

לעאן—רופט זי זיך אן אין א גע־וויסען פריהמארגען – אפשר וואלסטו היינט נאכאמאל פרובירט ארויפצוגעהן צו דיין משפחה, די האט דאך אזא רייכע פאמיליע פון פאבריקאנטען און אינדוסטריעלער, ס'איז דאך נישט מעג־ליך, אז ביים גוטען ווילען זאל זיך ביי זיי נישט געפינען עפיס א בע־שעפטיגונג פאר א נאהנטען מענשען. אדער אפשר גאר וואלסטו פרובירט ביים פרעזעס פון דער „אינטערנא־ציאנאלער ליגע פאר מענשען-פערברי־דערונג", אדער ביים סעקרעטאר פון דער „געזעלשאפט צו העלפען די שווארצע אביסיניער", אפשר גאר ביים פרעזידענט פונ'ם „קאמיטעט צו העל־פען די דייטשע פליטים". ס'איז דאך נישט מעגליך, אז ווען זיי זאלען נאר ווילען, זאלען זיי נישט קענען געפינען קיין ארבייט פאר אנ'אייגענעם, אינ־דערצייט, ווען זיי „ארבייטען" און „זארגען" פאר דער גאנצער מענשהייט... זיי זענען דאך אלע דיינע בעקאנטע—נישט אמת?

הא, לעאן! ס'איז באמת אינטע־רעסאנט. אט לעבען דאך אזויפיעל מענשען, יודען האנדלען, וואנדלען, פאהרען, רייטען, מאכען פון וואסער טינט און שפעטער, אז מ'דארף מאכט מען ווידער פון דעמזעלבען מינט—וואסער, זיי מאכען ווי ס'איז א לעבען און ביי אונז געהט עס אזוי שווער זיך איינצוארדנען.

נאך אזעלכע פשוט'ע ווערטער פון זיין פרוי נעמט לעאן האסטיג ארויפציהען אויף זיך דעם פאלטען, די ליפען ווערען איהם צוזאמענגע־פרעסט, די אויגען בעקומען דאן א מאדנעם גלאנץ פון גרינע פייערלעך און מיט איין שפרינג געפינט ער זיך שוין ווידער אין גאס צווישען אלעבע־דיגע, טומלדיגע מענשען—זוכען אר־בייט...

(סוף קומט)

יודישען דת, מען וויל פערוועהרען די יודישע שחיטה, וואס איז א דאנמע פון דער יודישער רעליגיע—האבען די יודען זיך געכאפט צום אלטען געוועהר —צום תהלים.

אין די שוהלען, בתי-מדרשים ווי אויך אין מנינים האט מען יענע וואך דאנערשטאג זיך פערזאמעלט און גע־זאגט תהלים.

איך האב אנגעקוקט די יודען, מענ־שען, פערהארעוועטע פון דאגות-פרנסה, האבען זיך אבגעריסען פון זייערע גע־שעפטען און ארבייט און זענען גע־לאפען אויף א שעה אין שוהל אריין זאגען תהלים, כדי די שחיטה-גזירה אבצושרייען.

צווישען די דאזיגע יודען זענען אויך געווען אזעלכע, וועלכע עסען זעלטען ווען א שטיקעל פלייש, און פונדעסטוועגען פיהלען זיי די גזירה אויף זייערע קעפ.

כ'ווייס נישט צי דאס זאגען תהלים אין דעם פאל איז צוליעב אונזער שוואכקייט אדער אפשר איז דאס גאר אונזער שטארקייט. דאס יודישע פאלק, איז אזוי פערבינדען מיט טויזענדער פעדים צו זיין רעליגיע, אז ווען מען וויל פוגם זיין אין יודישען דת, קלא־מערט עס זיך נאך מעהר, נאך שטאר־קער אין דער דאזיגער רעליגיע, וואס קאן זיך נאר ענדיגען צוזאמען מיט זיין טויט.

יא, יודען האבען א שטארק גע־וועהר—אט דעם דאזיגען תהילים, אזוי ווי אין די אלטע אמאליגע צייטען...

וואס זאגט איהר נישט צו „עמך".

אונזער מיטארבייטער ה' משה אש, בעארבייטענדיג די געשיכטע פון דער טשענסטאכאווער יודישער קהלה, שרייבט וועגען די ערשטע היגע חברות, צווישען זיי אויך וועגען די חייטים, וועלכע מיר רופען היינט „עמך".

אט יענע חייטים מיט הונדערט יאהר צוריק האבען געהאט גענוג צרות, ווען זיי האבען געוואלט מאכען שבת פאר זיך. זיי האבען אויף יצדען טהאם זייערען געמוזט האבען אנ'ער־לויבניש פון קהל און ערשט דאמאלס האט מען זיי געקוקט אויף די פינגער.

פון יענער צייט אן האט זיך די לאגע א סך געביטען. היינט זענען די חייטים גאנצע מוריגו'ס. זיי האבען זייער צעך און פיהרען זעלבסטשטענ־דיג זייער ארבייט, און קיינער זאגט זיי נישט קיין דעה.

איך וועל נאר דערצעהלען איין פאקט פון א סך, וואס וועט כאראק־טעריזירען די היינטיגע חייטים.

ביים היגען ערשטען יודישען שניי־דער-צעך עגזיסטירט א הילפס-קאסע. האט די קאסע איינגעארדענט יענע וואך א פערוויילונגס-אווענד אין דעם קליינעם זאל פון האנדווערקער-פער־באנד. האבען זיי פערדינט די סומע פון 300 זל.

נו, אדרבה, זאגט מיר, וועלכע גע־זעלשאפט קאן זיך איינרעדען די היינ־טיגע צייטען צו פערדינען ביי א אימ־פרעזע אזא געוואלדיגע סומע; דאכט זיך קיינער נישט. אונזערע שניידער אבער יא, זיי זענען היינט די מיוחסים, אומעטום רעכענט מען זיך מיט זיי אזן אז זיי מאכען עפעס, ווערען זיי אונטערשטיצט פון גאנץ קהל.

עס זענען נישט יענע חייטים מיט הונדערט יאהר צוריק. עס זעגען היינט די מורה-מוריגו'ס—דער שניידער-צעך, „שער-און אייזען עמך". דרך ארץ פאר „עמך"...

איך בין שולדיג געבליבען אנ'ענט־פער...

אדרבה, כ'בין נייגעריג צו וויסען, וואס איהר וואלט געענטפערט אויף אזא פראגע, וועלכע א יוד, א פאברי־קאנט, האט מיר יענע וואך געשטעלט.

אט איז די פראגע:

— איך בין א צעלולאיד-פאבריקאנט. פאר ימי-היטלער האב איך ווי געוועג־ליך בעצויגען רויה-מאטעריאל פון דייטשלאנד. לעצטענס אבער האב איך נאטירליך איבערגעריסען מיט דער דא־זיגער מדינה אלע בעציהונגען, כאטש מיינע קאנקורענטען האבען — „אום אויסגערעדט זאל עס זיין — א ביסעל אונטערגעזיגדיגט אין דער הינזיכט. איצט אבער האט זיך געמאכט אזא מעשה: פון אנדערע לענדער אויסער דייטשלאנד איז נושט מעגליך צו ברענ־גען קיין צעלולאיד. די היימישע פוי־לישע „וויטוארניע" איז דערווייל נישט אומשטאנד צוצושטעלען די נוי־טיגע געפאדערטע סכומים מאטעריאל. און אזוי ווי א היענע גרויסע פערטרע־טונג (א יודישע) האט נאר דייטשע סחורות, טא וואס זאל איך טהון? נישט קויפען — וועל איך נישט קאנען אר־בייטען, אינדערצייט, ווען מיינע קאנ־קורענטען קויפען גאנץ געשמאק די דייטשע סחורות. יא קויפען — לאזט מיך נישט מיין יודיש געוויסען. טא זייט אזוי גוט — שטעלט אויס אויף מיר א פאר אויגען דער פאבריקאנט — זאגט מיר וואס איך זאל טהון.

איך ווייס נישט, וואס איהר וואלט איהם געענטפערט. איך, למשל, האב נישט געוואוסט, וואס פאר א תשובה מען גיט איהם. בין איך איהם טאקע שולדיג געבליבען אנ'ענטפער...

נישט קיין אריגינעלע מאסקעס...

אין די „אסטאטקעס" האבען גרו־פען מענשען ארומשפאצירט איבער די גאסען אין מאסקעס. האב איך געזוכט אנ'אריגינעלע מאסקע און נישט גע־פינען.

אזוי האב איך געטראכט צו געפינען יודישע הענדלער, וועלכע מען לאזט נישט געהן אין דארף האנדלען. אקסען, וועלכע זענען בעשטימט פאר'ן שחט־הויז, זאלען טראגען אויף זיך רעוואל־ווערען אדער העק, מיט וועלכע מען מעג זיי „גלעטען" איבער'ן קאפ; פרוי־ען, וועלכע דארפען זיך פערנעמען מיט דער קוך, זאלען זיך ארומטראגען מיט'ן יורה-דעה און פסקנ'ען שאלות וועגען הלכות שחיטה, און נאך אזעלכע ענליכע אריגינעלע מאסקעס—נאר ליי־דער נישט געפינען, די מענשען האבען געטראגען זייערע אלטע נישט אינ־טערעסאנטע מאסקעס.

זעהט איהר, אזעלכע, וואס האבען איינגאנצען פון זיך אראבגעווארפען די מאסקעס, וועלכע זיי האבען ביז איצט געטראגען, האב איך געטראפען גראד א סך... (דאס זענען געווען מאסקעס, וואס האבען פארגעשטעלט א לאכענ־דיג פריינדליך פנים, אז ווען די האסט געקוקט אויף זיי, האט זיך דיר אויס־געדאכט דאס זיי זענען צו דיר פריינ־דליך; לעצטענס אבער האבען די מענ־שען אראבגעווארפען די פריינדליכע מאסקעס און האבען זיך בעוויזען אין זייער אמת'ן געשטאלט...)

יא, איך האב געזוכט און ליידער נישט געפינען קיין אריגינעלע מאסקעס...

פונקט צו דער מינוט...

די סוחרים, וועלכע זענען נישט גע־ווען פארזיכטיג אדער וועמען ס'איז געווען א שאד צו פערמאכען דאס געוועלב פונקט 7 א זייגער אין אווענד, האבען שטענדיג אריינגעכאפט פראָ־טאקאלען, ווארום די פאליציאנטען האבען שוין גוט אכטונג געגעבען, אז מען זאל חס וחלילה נישט עובר זיין אויפ'ן דאזיגען פערברעכען...

לעצטענס שמועסט מען ווערען אינ־גאנצען נישט געמאכט קיין פראטאקא־לען פאר אזעלכע חטאים. דאס איז נישט דערפאר, ווייל די פאליציי היט נישט; היטען היט זי, נאר אויב ס'ווע־רען נישט געמאכט קיין פראטאקאלען איז עס דערפאר, ווייל קיין שום כוחר מאכט נישט צו דאס געוועלב שפע־טער ווי 7 א זייגער, ער האט עס פשוט נישט נויטיג. א גאנצען טאג קוקט ער זיך ארויס די אויגען אויף א קונה און קאן איהם נישט דערזע־הען, דאנקט ער גאט, אז עס קומט שוין 7 אווענד, ער זאל קאנען פער־מאכען די קראם. ווען ער וואלט זיך נישט געשעהמט פאר לייטען, וואלט עס נאך פריהער פערמאכט, נאר אזוי ווי די סוחרים האבען פארט נאך אבי־סעל שאנדע, דערווארט ער זיך קוים אויף דער בעשטימטער שעה און פער־מאכט דאס געשעפט פונקט צו דער מינוט...

לויתן.

דער וועה-געשריי פון די טרוסקאלאסער יודען.

פון טרוסקאלאס קומען ווייטער אן אליארמירענדע בריעף וועגען די אונגעהויערע צרות, וואס די דארטיגע יודען ליידען זיך אן פון די העסליכע אנפאלען מצד די ענדעקישע כוליגאנעס.

די יודישע הענדלער טארען נישט געהן אין דארף אריין, ווייל זיי ווערען בעפאלען אויפ'ן וועג דורך לאבוזעס. דאן לאזט מען נישט אריין קיין קריסטליכען קונה אין קיין יודיש געוועלב, אזוי אז 80 יודישע פאמיליעס געהן פשוט אויס פון הונגער.

דעם פאריגען מיטוואך זענען 6 יודען געפאהרען קיין קלאבוצק אויפ'ן מארק, זענען זיי אויפ'ן וועג אין דארף דזיטדאווע בעפאלען געווארען דורך א באנדע כוליגאנעס פון 20 מאן אונטער דער אנפיהרונג פון בעקאנטען ענדעקישען כוליגאן פיעטרעק פארוזעל, וועלכע האבען מיט מעסערס און שטעקענס צושלאגען די יודען מכת רצח. 3 יודען איז געלונגען צו ענטלויפען, דאגעגען די איבריגע און נעמליך: מיכאל וויספעלנער, מרדכי דוד ראטבארד און שמעון האלענדער זענען שווער פערוואונדעט געווארען און געבליבען ליגען אין א בעוואוסטלאזען צושטאנד. ביי מיכאל וויספעלנער איז צובראכען געווארען א פוס און שטארק פערוואונדעט דער קאפ, אזוי אז מען האט איהם אבגעפיהרט אין היגען יודישען שפיטאל אריין. די איבריגע צוויי יודען בעקומען מעדיצינישע הילף אויפ'ן ארט.

אזעלכע סצענעס שפילען זיך אב טאג טעגליך. דער טרוסקאלאסער רב ווענדעט זיך מיט א פערצווייפלונגסבריעף צו דער טשענסטאכאווער קהלה, מען זאל זיי ראטעווען, ווייל די דארטיגע יודען איז נישט מעגליך אויסצואהאלטען פון דעם שרעקליכען גיהינם.

כדאי צו בעמערקען, אז ווען די געליטענע האבען זיך געווענדעט צום פאליציי-פאסטערונעק אין פאנקי צו ארעסטירען דעם כוליגאנישען אנפיהרער פארוזעל, האט מען זיי געענטפערט, אז די פאליציי האט נישט קיין גענוגענדען מאטיוו עס צו טהון.

פרעזעס ראזענבערג וועט וועגען דעם דאזיגען ענין היינט אינטערווענירען ביי דער געהעריגער מאכט.

דער דזיאלאשינער מארד פון שבת-תשובה פאר'ן געריכט.

די לעזער איז בעקאנט דער בלוטיגער אקט, וואס האט פאסירט אין דזיאלאשין אין א פרייטאג-צו-נאכט פון שבת-תשובה, בעת'ן אהיימגעהן פון דאווענען, ווען שמואל פלאקאוויטש האט נאך א קריגעריי דערלאנגט אברהם קאדלובסקי'ן מיט א מעסער, וועלכעס עס האט איהם אונטערגעריקט מרדכי ניימאן. ווען קאדלובסקי איז אבגעלאפען עטליכע מעטער און אנידערגעפאלען, האט פלאקאוויטש איהם נאכגעמאל דערלאנגט פון וואס ער איז געשטארבען, פעריתומדיג א פרוי מיט קינדער.

פערג. מאנטאג איז פארגעקומען דאס משפט פאר'ן קרייז-געריכט. דער מערדער האט זיך פערטיידיגט, אז דער פערשטארבענער האט אויסגעשפיגען אויף דער פאדלאגע אין דער שוהל. אויף זיין בעמערקונג האט ער איהם דערלאנגט א פאטש, אין דרויסען האט ער איהם אויסגעזיי געווארפען א שטיק ציגעל, וואס ס'האט איהם ארויסגעפיהרט פון גלייכגעוויכט.

נאכ'ן אויסהערען די עדות, פראקוראר און פערטיידיגער אדוו. קאוועלעווסקי, האט דאס געריכט ארויסגעטראגען אן'אורטייל, פערמשפטענדיג פלאקאוויטש'ן צו 5 יאהר תפיסה, אראברעכענדיג איין דריטעל צוליעב דער אמנעסטיע ווי אויך דעם פרעווענק-ארעסט, אזוי אז פלאקאוויטש'ן איז געבליבען נאך צו זיצען 3 יאהר מיט 4 חדשים און צו בעצאהלען 300 זל. געריכטס קאסטען.

דער 18-יעהריגער ניימאן איז געוואָרען פערמשפט אויף 2 יאהר תפיסה, אראברעכענדיג איהם א העלפט צוליעב דער אמנעסטיע און צו בעצאהלען 80 זל. קאסטען.

פערברענט א מאנעקין, וואס האט פארגעשטעלט א יוד, פאר דער קירכע שוו. בארבארי.

זונטאג, נאכ'ן אבריכטען דאס גאטעסדינסט ביים ארויסגעהן פון דער קירכע שוו. בארבארי איז געווארען פערברענט א שטרויענע קוקלע, וואס האט פארגעשטעלט א יוד אין א יארמולקע.

איינער פון די דורכגעהענדע פאליציאנטען האט מודיע געווען דעם קאמיסאריאט. די אנגעקומענע פאליציאנטען האבען דאן ארעסטירט עטליכע פערשוין און די איבריגע — פונאנדערגעטריבען.

מאנגען — דער לעצטער טאג פון בעלעגען זעזאניעס וועגען אומזאץ.

דער לעצטער טערמין פון בעלעגען זעזאניעס וועגען אומזאץ און הכנסה שבת דעם 29 פעברואר ד. י.

פון בית"ר.

לויט'ן בעשלוס פון נציבות בית"ר אין פוילען וועגען בית"ר-חודש, ווערט ביי אונז אין שטאדט די אקציע אדורכגעפיהרט מיט גרויס ערפאלג.

דער בית"ר-חודש האט זיך ביי אונז אנגעהויבען חמשה-עשר-בשבט מיט א פייערליכען מסדר הקן, שבת אוועגד איז פארגעקומען א חמשה עשר בשבט נשף, וועלכע האט זיך פערצויגען ביז שפעט אין דער נאכט.

די ערשטע צוויי וואכען פון חודש בית"ר זענען געווען געווידמעט די „נשרים" ד. ה. די יונגסטע אחים-ות פון קן. אין משך פון דער צייט זענען יעדען טאג פארגעקומען ספעציעלע שיחות, געווידמעט דער בית"ר'ישער ערציהונג. דורך דער צייט האבען זיך געשאפען צוויי נייע קבוצות פון נשרים.

די דריטע וואך איז געווען געווידמעט דער העבראישער שפראך. עס זענען געפיהרט געווארען אויפקלערונגס שיחות וועגען עברית. די גאנצע ארבייט בכלל איז געפיהרט געווארען אין עברית. עס זענען אויך אנגעהויבען געווארען צו מאכען הכנות צו די בחינות לעברית „נדר" און טרומפעלדאר-אקאדעמיע.

די פיערטע וואך וועט זיין געווידמעט ספעציעל דעם „נדר", וועלכער וועט פארקומען ביים פערענדיגען דעם בית"ר חורש. די בחינות לעברית וועלען פארקומען י"א אדר פאר די טרומפעלדאר אקאדעמיע. קונפטיגע וואך ווערט אפיציעל פערענדיגט דער בית"ר חורש, וועלכער וועט בלייבען אלס א וויכטיג אויסערארדענטליך געשעהעניש אין בית"ר לעבען.

רינג-קייט פון קרן עלי' ביי „בעלי מלאכה דתיים".

הארשיל בראט ענטפערט מיט 3 זל. און רופט ארויס: בעריל שצעקאץ פון פיעטריקאוו טריב., אברהם האלאנד בענדין, ישראל דאנציגער.

משה דוד קאלין ענטפערט מיט 1 זל. און רופט ארויס: יוסף ראזענבוים, דוד פרעזעראוויץ, משה גאלד, מרדכי שטילער.

שמרי' גלעוויצקי ענטפערט מיט 1 זל. און רופט ארויס: דוד וואלאדאווסקי, הארש לייב ראזענבוים, אברהם עפשטיין.

געהיימניספולער טויט פון א זעלנער.

אין ווזשאסאווער וועלדיל, הינטער טשענסטאכאוו, איז געפונען געווארען דער טויטער קערפער פון א קאפראל פון ארטילעריע.

וועגען דעם דאזיגען איז געווארען געמאלדען דער זשאנדארמעריע, וועלכע איז געקומען אויפ'ן ארט פון פארפאל און אונטערגענומען די אויספארשונג.

לויט די דאקומענטען, וועלכע זענען געווארען געפונען ביים הרוג, האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס איז דער קאפראל פון 18-טען ארטילעריע-פולק יוזעף סאסנאווסקי, וועלכער האט געוויילט אויף אורלויב ביי זיין פאמיליע.

דער טויטער קערפער איז געווארען איבערגעפיהרט אין מתים-שטיבעל ביים שטאדטישען שפיטאל.

די סיבה פון סאסנאווסקי'ס טויט איז דערווייל נישט געלונגען פעסטצושטעלען.

[...]ברית הצה"ר.

דעם 1-טען מערץ ווערט פולשטענדיג אבגעשלאסען די לעגיטימאציעוואהל-אקציע.

לויט די ביז-איצטיגע פערקויף רעזולטאטען וועט טשענסטאכאוו זיין פערטרעטען אויף דער 7-טער רעוויזיאניסטישער לאנדעס קאנפערענץ דורך 3 דעלעגאטען.

די וואהלען צו דער קאנפערענץ וועלען פארקומען דעם 8 מערץ. די פייערליכע ערעפנונג פון דער קאנפערענץ וועט פארקומען דעם 15 מערץ.

יעדער קען האבען א חלק אין די רווחים פון פ. ק. א.

די לעבענס-פערזיכערונג אין פ. ק. א. גיט דעם אסעקורירטען די גרעסטע איינקונפטס-שאנסען, חוץ אנדערע בעדינגונגען, אויך צוליעב דעם, וואס אנהויבענדיג פון 4-טען אסעקוראציע-יאהר בעטייליגען זיך די פערזיכערטע אין די רווחים פון דער אסעקוראציע-אבטיילונג פון פ. ק. א. די דאזיגע רווחים ווערען פערשריבען דעם פאליסען-בעזיצער אויף א ספעציעלער רעכנונג, פראצענטירט לויט'ן פראצענטזאץ, וואס פערפליכטעט אין די געוועהנליכע אבשפאר-ביכלעך פון פ.ק.א. און וועלען אויסגעצאהלט ווערען ביי דער ליקווידאציע פון פאליס צוזאמען מיט דער אסעקוראציע - סומע, וועלכע וואקסט אזוי ארום פון יאהר צו יאהר. דער אנטייל אין די רווחים, וואס וועט שוין בערעכענט פאר'ן יאהר 1935, בעטרעפט פון 14,1 ביז 19,5 פראצ, פון דער יעהרליכער סקלאדקע, אבהענגיג פון יאהר, ווען די אסעקוראציע איז געשלאסען געווארען.

דער דאזיגער בעדייטענדער אנטייל, וועלכען פ. ק. א. גיט די לעבענס-אסעקורירטע, זאגט עדות וועגען דער פארזיכטיגער און שפארזאמער ווירטשאפט און מוז בילדען אן'אויסגעצייכענטען צוציהונגס-מאמענט פאר מאסענהאפטע לעבענס-פערזיכערונגען אין פ.ק.א.

די לעבענס-פערזיכערונג אין פ.ק.א. ווערט וואס ווייטער אלץ מעהר פאפולער אלס דער גינגסטיגסטער אסעקוראציע טיפ פון פאלקס כאראקטער.

דער קאמף מיט דער אונלעגאלער שחיטה.

זייט א לענגערע צייט פיהרט די שטאדט - פערוואלטונג אן'ענערגישען קאמף מיט דער געהיימער שחיטה. צום דאזיגען קאמף זענען געווארען אנגאזשירט עטליכע קאנטראלערען, וועלכע בעזוכען די יאטקעס, פריוואט וואוינונגען און פערשידענע מלינות אין די זוכענישען פון פלייש פון געהיימער שחיטה.

די נישט - עהרליכע קצבים ווילען אבער נישט רעזיגנירען פון דעם נוצען, וואס זיי האבען פון געהיימער שחיטה און זיי מאכען דעריבער די קאנטראלערען שוועריגקייטען און שטעלען זיי א ווידערשטאנד ביים אויספיהרען די פליכטען.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האט די סטאראסטווא, אויף דער בקשה פון דער שטאדט - פערוואלטונג, בעפוילען דער פאליציי צו ערטיילען הילף דעם אפראוויזאציע-רעפערענט ביים מאגיסטראט, ווי אויך די קאנטראלערען אינ'ם קאמף געגען דער געהיימער שהיטה.

טרומפעלדור-אקאדעמיע אין האנדווערקער-זאל.

מיטוואך, דעם 4 טען מערץ פונקטליך 8 אוועגד קומט פאר אין האנדווערקערזאל א פייערליכע טרומפעלדאר-אקאדעמיע געווידמעט דער 16-יעהריגער יאהרצייט. די אקאדעמיע ווערט איינגעארדענט דורך דער רעוויזיאניסטישער בעוועגונג אין טשענסטאכאוו.

איינגאנג פריי.

טארנאווער „שמשון" אין טשענסטאכאוו.

מאנטאג, דעם 2-טען מערץ קומען פאר צוויי פינג-פאנג-מעטשען צווישען „שמשון" (טארנוב) מיט גוטעק'ן בראש און „מכבי"—„הכח".

די קאמפען קומען פאר אין זאל פון „מכבי" (קאטעדראלנע 13).

עקזעקוציע - רעווירען.

קיין טשענסטאכאוו איז אנגעקומען א פעראררנונג פון פרעזעס פון קרייז-געריכט אין פיעטרקאוו, לויט וועלכען דער שמה פון דער טעטיגקייט פון שטאדטישען געריכט אין טשענסטאכאוו איז געווארען פונאנדערגעטיילט אויף דריי עקזעקוציע-רעווירען.

דער ערשטער רעוויר וועט בעשטעהן פון אלע דארפישע גמינעס און פארשטעדט פון טשענסטאכאוו, ווי אויך די ווייטסטע גאסען פון דער שטאדט. דעם דאזיגען רעוויר וועט איבערנעמען דער קאמארניק סטעפאן סטאדולקעוויטש.

דער צווייטער רעוויר וועט בעשטעהן פון דער מזרח-טייל פון שטאדט, פון טייך ווארטא ביז אלעע וואלנאשטשי און קאשטשושקי. דעם דאזיגען רעוויר וועט איבערנעמען דער קאמארניק יוזעף סאלארטשיק.

דער דריטער רעוויר פון אלעע וואלנאשטשי ביז אלעע קאשטשושקי אין דער זייט פון קלויסטער איז געווארען צוגעטיילט דעם קאמארניק קאסעק.

די דאזיגע פונאנדערטיילונג געהט אריין אין קראפט דעם 4 מערץ ה.י.

אכטונג „זשוב"!

שבת, דעם 29 ד. ח. וועט פארקומען אין לאקאל פון פעראיין (יודישע קהלה) א פארטראג. אלע מיטגלידער ווערען געבעטען צו קומען פונקטליך 6 א זייגער אוועגד.

די קולטור און בילדונגס סעקציע ביים פעראיין פון יודישע אנטיילנעמער אין די קאמפען פאר פוילען'ס אומאבהענגיגקייט.

פון קרן - תל - חי.

די צענטראלע פון קרן תל-חי האט פראקלאמירט די פורים-אקציע. די טראדיציאנעלע אדר-פורים-אקציע הויבט זיך אן דעם 1-טען מערץ און וועט דויערן ביז'ן 15-טען מערץ. די אקציע וועט אדורכגעפיהרט ווערען אין פארם פון א הויז-זאמלונג דורך די רעוויזיאניסטישע יוגענד דורך פערשפרייטען משלוח-מנות-קארטען ווי אויך דורך דער הילף פון מחצית השקל קארטען פאר קריאת-התורה אדורכגעפיהרט דורך די חברים פון אחדות-ישראל.

דער חנוכה-דרייוו פון קרן-תל-חי איז שוין כמעט ווי אבגעשלאסען. דער קאנטיגענט, מיט וועלכען טשענסטאכאוו איז געווען בעשטייערט איז שוין כמעט ווי געדעקט.

אלס אויסדרוק פון דאנקבארקייט און פאר דער מוסטערהאפטער היי-יעהריגער אדורכגעפיהרטער אקציע האט די קרן-תל-חי-צענטראלע בעשאנקען די היגע ועדה מיט א פרעכטיג בילד פון פרעז. זשאבאטינסקי.

געגרינדעט אן'עזרת - חולים אין אונזער שטאדט.

ווי מען טיילט אונז מיט איז ביי אונז אין שטאדט געגרינדעט געווארען א נייע אינסטיטוציע אן'עזרת-חולים.

דער ציעל פון דער געזעלשאפט איז: 1) צו וואכען ביים קראנקען'ס בעט אין פאל פון נויטווענדיגקייט, 2) צו בעפרידיגען די נויטווענדיגסטע הצטרכותן פון ארימע קראנקע אז"וו.

צו דעם ארגאניזיר קאמיטעט געהערען די היגע בעלי-בתים: מאיר רודניצקי, יעקל שטערנבערג, ר' בנימין רובין, נהום בערמאן, יצחק בענעט, שלמה וויצמאן א. א.

די נויט אין דער יודישער גאס איז ממש קאטאסטראפאל, זאל מען האפען, אז די דאזיגע ניי-געגרינדעטע אינסטיטוציע וועט בעקומען די אונטערשטיצונג פון דער ברייטער יודישער געזעלשאפט כדי צו קאנען ערפילען די אויפגאבען, וועלכע זי האט זיך געשטעלט.

רעפרעזענטאנץ - באל פון „מכבי".

שבת, דעם 29 פעברואר 9 אוועגד קומט פאר אין „מכבי"-זאל דער רעפרעזענטאנץ-באל פון י. ט. ס. פ. „מכבי" מיט פערשידענע אטראקציעס.

„האזענא" און „שטשיפארניאק".

דער סעקרעטאריאט פון „מכבי" נעמט אן איינשרייבונגען אין די ניי-געשאפענע פרויען-סעקציעס „האזענא" און „שטשיפארניאק".

פון ספארט

— זונטאג איז פארגעקומען א באקסמעטש צווישען צ.וו.ס. פון ווארשא און „בריגאדא", וועלכער האט זיך געענדיגט מיט'ן נצחון פון די געסט 11:5.

— פערג. שבת איז אין לאקאל פון „בליסקאוויצא" פארגעקומען דער דעצידירענדער מייסטערשאפטס-מעטש אין פינג-פאנג צווישען „הכח" און „בליסקאוויצא", וועלכער האט זיך געענדיגט רעמי 5:5. אויסגעצייכענט האבען זיך פון „הכח"—שפארן און הערשליקאוויטש, פון „בליסקאוויצע" — מ. גאלדבערג.

— „הכח", וועלכער געפינט זיך אין א גוטער פארם לאדענט איין אויף א פריינדשאפטס מעטש דעם מייסטער פון פוילען „שמשון" פון טארנאוו.

— דער יונגער שפילער טוביה'לע הערשליקאוויטש, מייסטער פון טשענסטאכאווער קרייז ווערט איינגעלאדען אנטייל צו נעמען אין די אינדיווידועלע פינג-פאנג-מייסטערשאפטען פון פוילען.

„זוו. סטזשעלעצקי" (טארנאווסקיע גורי) — „מכבי" 9:1.

פערג. זונטאג אוועגד זענען אין זאל פון „מכבי" פארגעקומען באקס קאמפען צווישען „זוו. סטזשעלעצקי"" פון טארנאווסקיע גורי און היעגען „מכבי", וועלכע האבען זיך פערענדיגט מיט'ן נצחון פון „מכבי" 9:1,

דער דאזיגער נצחון איז אבער קיין שום געווינס נישט פאר די היעגע באקסער, ווייל די „סטזשעלצעס" האבען זיך ארויסגעוויזען פאר גאר שוואכע באקסער און האבען געמאכט א נישט-גוטען איינדרוק צוליעב זייער ווילדען ארט קעמפען.

אויפ'ן רינג שטעלט זיך אויס א דעקאמפלעטירטע מאנשאפט פון 5 פערזאן, וואס עס רופט ארויס גרויס פערוואונדערונג. בכלל זענען די קאמפען (אויך דער ריכטער) אויסגעפאלען שוואך און ארויסגערופען ביים פובליקום א בייגעשמאק...

דער רעזולטאט פון די קאמפען איז פאלגענדער:

פליגען-געוויכט: נאוואק (ט. ג.) — ווינדמאן (מ). נאוואק קעמפט ווילד און בענוצט זיך מיט נישט-דערלאזבארע „טריקען", צוליעב וואס דער קאמף פאלט אויס זעהר נישט שעהן. דער רעמי-רעזולטאט בע'עולה'ט ווינדמאנ'ען.

פעדערן-געוויכט: דער פיזיש-שטארקערער דיאמענט (מ) בעזיעגט פיקא (ט. ג. אויף פונקטען.

לייכט-געוויכט: קלישטש (ט. ג.) — גראנעק (מ). דאס איז דער שענסטער קאמף פון אוועגד. גראנעק אטאקירט זיין געגנער די גאנצע צייט און בעלייגט איהם מיט גוט-געציעלטע קלעפ, פון וועלכע זיין געגנער איז מאמענטענווייז „גראגי". גראנעק האט א בעדייטענדען איבערמאכט אין דער ערשטער און דריטער רונדע און זיעגט דעצירירענד אויף פונקטען.

לייכט - געוויכט: פיקא2 (ט. ג.) — כליוונער (מ). פיקא 2 איז א שוואכער באקסער און צו דעם איז ער נאך שטארק נערוועאיש. כליוונער קומט צוריק צו זיין אמאליגער פארם, ער געווינט דעם קאמף דורך א טעכנישען נאק אוט אין דער צווייטער רונדע.

האלב-מיטעל געוויכט: פאנסקי (ט. ג.) — קאנטאר (מ). קאנטאר'ן דארף מען אויף די טרעניגנען גרינדליכער „בעקעגען" מיט די הענדשקעס, אז ער זאל זיך אויפ'ן רינג נישט אזוי שטארק פאר זיי דערשרעקען און אהן א פארוואס זיך לעגען אויף די ברעטער, וואו ער לאזט זיך „אויסצעהלען". קאנטאר פערשפילט דורך א נאק-אוט אין דער צווייטער רונדע, אבער צוליעב דער איבערוואג פון זיין געגנער בעקומט ער צוויי פונקטען פאר'ן מכבי.

רינג-ריכטער — ה' ברילל.

ס'איז כדאי צו מאכען אויפמערקזאם די פערוואלטונג פון „מכבי", אז אין דער צוקונפט זאל זי אראבברענגען בעסערע מאנשאפטען, פון וועלכע סיי די באקסער און אויך די קאסע וועלען בעשטימט מעהר נוצען האבען.

עמקא.

„מכבי" אויף די פוילישע מייסטערשאפטען.

דער היגער „מכבי" שיקט נאך ווארשא פוקס'ן אויף די פוילישע אינדיווידועלע פינג-פאנג-מייסטערשאפטען.

דער ענין-שחיטה אויפ'ן פאָרום פון שטאָדט-ראַט.

מיטוואָך אין אָוועגד איז אין דער אָגוועזענהייט פון 40 ראַטמענער, דערונטער אַלע יודישע מיטגלידער, פאַרגעקומען א זיצונג פון שטאָדט-ראַט, אויף וועלכער ס'האָט זיך צווישען אַנדערע געפונען דער פאָרשלאַג פון די ענדעקעס, וואָס איז אריינגעטראָגען געוואָרען מיט עטליכע חדשים צוריק, בנוגע פערווערען די יודישע שחיטה.

די גאַלעריע איז דאסמאל פול געפאַקט — דאס רוב מיט אָנהענגער פון די ענדעקעס, וועלכע וואַרטען אויף דער אַטראַקציע א.נ. שחיטה-פאָרשלאג.

צווישען די יודישע ראטמענער פיהלט זיך א דערדריקענדע שטימונג. אין דער לופטען שוועבט דער מורא'דיגער רעזולטאַט, צו וועלכען ס'קאן דערפיהרען די היינטיגע זיצונג — דער פערבאָט פאר יודען צו עסען פלייש.

נאכדעם ווי ס'ווערען ערלעדיגט א רייהע שטאָדטישע ענינים, ווי וועגען קויפען פלעצער אויף „דזיאַלקעס" אין מירוב—זאַוואָדזיע, וועגען שטאָדטישען יתומים-הויז א.אז.וו., ווערט אָבגעגעבען א בעריכט פון די הוצאות והכנסות פון דער שטאָדט-פערוואַלטונג פאר די לעצטע 10 חדשים. דאן ווערען אריינגעטראָגען דורך די יודישע ראַטמענער 2 דרינגענדע פאָרשלאגען. אין ערשטען ווערט פאָרגעלעגט אויסצוּוועהלען א קאָמיסיע, וואס זאָל אויסארבייטען א פלאַן פון אַנ'אַקציע, כדי ביליגער צו מאכען דעם פרייז פון עלעקטריע אין טשענסטאָכאָוו, ווי אויך ארויסשיקען א דעלעגאַציע נאך ווארשא וועגען זעלבען ענין; אין צווייטען פאָרשלאג ווערט פאָרגעלייגט ארויסצושיקען נאך ווארשא א דעלעגאַציע, וועלכע זאָל זיך בעמיהען, אז דער בעשלוס, וואס איז אין זיינער צייט אָנגענומען געוואָרען דורכ'ן שטאָדט-ראַט וועגען פערקלענערען דעם אָבצאָהל פאר וואַסער און קאַנאַליזאַציע, זאָל דורך דער אויפזיכטס-מאַכט בעשטעטיגט ווערען.

ביידע דרינגענדע פאָרשלאגען זענען דורכ'ן שטאָדט-ראַט אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג.

ווייטער ווערט בעהאַנדעלט די פראַגע וועגן ארבייטסלאָזיגקייט אין אונזער שטאָדט און ארום דעם ענטוויקעלט זיך א ברייטע דיסקוסיע.

ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט טרעט ארויס דער ענדעקישער ראַטמאַן סטוּרניצקי, וועלכער וואַרפט, ווי געוועהנליך, ארויף די גאַנצע שולד פון דער אַרבייטסלאָזיגקייט אויף די יודען און זאגט, אז מיט דער לעזונג פון דער יודען-פראַגע, וועט געלעזט ווערען די ארבייטסלאָזיגקייט. די יודען אלס צוּטשעפּעגישען מוזען דעריבער זיך אוועקריקען און מאכען פלאַץ פאר די אַרבייטסלאָזע פאָלאַקען.

איהם ענטפערט אָב דר. בראַם, וועלכער זאגט, אז אַלעס שלעכטס שרייבט מען צו די יודען. אויפ'ן אַדרעס פון די יודען הערט מען כסדר אָבסורדען און נאָנסענסען, אויף וועלכע ס'איז אפילו נישט כדאי צו ענטפערען, מען מוז אָבער אָבשטויסען די דאָזיגע פאָרוואורפען, וואס וועגען נישט מעהר ווי פּאָליטישע שטיקלעך.

בעת דער רעדע פון דר. בראַם מאַכען עטליכע ענדעקישע ראַטמענער פערשידענע אַנטי יודישע אויסגעשרייען און ס'ווערט א טומעל אין זאַל.

ס'ענטפערט אויך אָב דר. מערינג, וועלכער זאָגט, אז נישט אויף אזא אופן ווי עס טהוען עס די ענדעקעס, קאן מען ערלעדיגען א געזעלשאַפטליכען פּראָבלעם, מען קען נישט דערווייטערען מענשען, וועלכע זענען ווירטשאַפטליך אקטיוו, ווייל אזוי ארום ווערט נאָר אָבגעטויטעט די ווירטשאַפטליכע ענערגיע, וואס איז עלול צו ברענגען גרויס שאָדען דער מלוכה.

ס'ווערט דאן געוועהלט אַ קאמיסיע פאר קולטור און בילדונג, אין וועלכער עס גנהט אריין מצד די יודען ראטמאן יעקב ראָזענבערג.

ערשט ארום האלב 1 ביינאכט טרעט דער שטאָדט-ראט צו צו בעטראכטען דעם שחיטה פאָרשלאג. דער ערשטער נעמט א וואָרט דער לידער פון דער ענדעקישער פראקציע ראַטמאַן זאַושעצקי, וועלכער זאגט, אז דער ענין פון דער יודישער שחיטה איז פאר אלעמען שוין גאנץ קלאָר, ס'האט דעריבער נישט קיין שום צוועק ארום דעם צו דיסקוטירען, ער גיט דעריבער א דרינגענדען פאָרשלאג, אז מען זאָל אָהן שום דיסקוסיע צוטרעטען צו דער אָבשטימונג בנוגע דעם דאָזיגען פאָרשלאג.

געגען דער דרינגליכקייט טרעטען אָרויס די יודישע ראטמענער, וועלכע פאָדערן א ברייטע דיסקוסיע.

דער פּרעזידענט שטעלט דעריבער דרינגליכקייט פון דעם פאָרשלאג צו דער אָבשטימונג. פאר'ן דאָזיגען פאָרשלאג שטימען די ענדעקעס; געגען דער דרינגליכקייט — די יודען און די פּ. פּ. ס.; אָבגעהאלטען זיך פון שטימען האבען די ב. ב., וואס ווערט אין הפּכּט מיט'ן רעגולאַמין פּעררעכענט פאר'ן פאָרשלאג, אזוי אז פאר דער דרינגליכקייט זענען אָבגעגעבען געוואָרען 21 שטימען און געגען — 22 שטימען. דערביי איז כדאי צו בעמערקען, אז איינער פון דער ב. ב.-פראַקציע, ראטמאן שמידט האט געשטימט צוזאַמען מיט די יודען.

דאן נעמט ס'וואָרט דער ענדעקישער לאַווניק פּיאָנטקאָווסקי, וועלכער האלט א שעה'דיגע רעדע, חזרט איבער אלע אויסגעדראָשענע טענות און שקרים וועגען תורה און תלמ[illegible] און ברענגט פערשידענע פאלשע [illegible]אַטען בנוגע דעם תלמוד פון עפּיט א ווערק אין דער דייטשער שפּראך. און ווען פּרעזעס ראָזענבערג פאָדערט איהם אויף, אז ער זאָל אָנרופען דעם נאָמען פון אויטאָר פון דאזיגען למדנישען ווערק, הויבט לאַווניק פּיאָנטקאָווסקי אָן צו דרעהען מיט דער צונג און זאגט, אז דאס האט געשריבען עפּיס אַנ'אַנאָנימער מחבר... אין זאָל ווערט דעריבער א גרויס געלעכטער.

לאַווניק פּיאָנטקאָווסקי לערנט ווייטער כסדר מיט די יודען א פּרק וועגען תּורה שבכתב און תורה שבעל פה און פּסק'ענט אָב, אז שחיטה איז אויף קיין פאַל נישט קיין דין פון דער תּורה.

צום סוף זאגט ער, אז דער שטאָדט-ראַט וועט זיך נישט דערשרעקען פאר'ן געוואָלד, וואס די יודען האבען אויפגעהויבען אין דער גאַנצער וועלט ארום דעם שחיטה פערבאָט אין פוילען, און אז אלע ראטמענער וועלען זיך דעריבער זיכער ארויסזאָגען פאר'ן ענדעקישען פאָרשלאג.

עס פערשרייבען זיך דאַן צום וואָרט די יודישע ראַטמענער: דר. בראַם, ראָזענבערג, דר. מערינג און שפּירא. נאָר היות דער זייגער ווייזט שוין אָרום 2, ווערט די זיצונג איבערגעריסען און די פאָרטזעצונג פון דער דעבאַטע ווערט אָבגעלעגט אויף מאנטאג, דעם 2 טען מערץ ד.י. האלב 8 אָוועגד.

דער טשענסטאָכאָווער רב איינגעלאַדען אַנטיילצונעמען אין דער רעלעגאַציע צום מלוכה - פּרעזידענט וועגען שחיטה - ענין.

ווענדונגען פון פיעל קהלות און רבנים וועגען דער בראָשור פון הרב אַש.

דער היגער רב ר' נחום אַש שליט"א האט דערהאַלטען א בריעף פון ווארשא פון צענטראַלען קאָמיטעט צו פערטיידיגען די יודישע שחיטה, אין וועלכען ס'ווערט מיטגעטיילט, אַז אין הסכם מיט'ן בעשלוס, וואס איז אָנגענומען געוואָרען אויף דער זיצונג פון צענטראַל-קאָמיטעט, ווערט דעם רב אויסגעדריקט גרויס אָנערקענונג און דאַנק פאר זיין ווערטפולער בראָשור בנוגע דער פערטיידיגונג פון דער יודישער שחיטה.

גלייכצייטיג ווערט מיטגעטיילט אינ'ם בריעף, אַז דער צענטראַל - קאָמיטעט האט בעשלאָסען, דאס אין דער דעלעגאַציע, וואס וועט זיך אין די נאָהנטסטע טעג פאָרשטעלען דעם מלוכה-פּרעזידענט און אַנדערע מלוכה-מענער זאָל זיך אויך געפונען דער היגער רב. וועגען דעם גענויען טערמין, ווען דער רב זאָל קומען קיין ווארשא, וועט טעלעגראַפיש מיטגעטיילט ווערען.

פון פערשידענע שטעדט אין פוילען, קהלות, רבנים און ראַטמענער קומען אָן כסדר בריעף אויפ'ן אדרעס פון רב און קהלה, וועלכע דריקען אויס אנערקענונג פאר דער ארויסגעגעבענער בראָשור פון רב שליט"א און בעטען צוליב דער וויכטיגקייט פון ענין תיכף זיי ארויסשיקען די דאָזיגע בראָשור, בכדי זיי צו געבען די מעגליכקייט אָבצושטויסען די אָנגריפען אויף דער יודישער שחיטה, וועגען וועלכער ס'זענען כמעט אין אלע שטעדט אריינגעטראָגען געוואָרען פאָרשלאָגען אין די שטאָדט-ראַטען.

די קאַנצעלאַריעס פון רב און פון דער קהלה ערפולען נאַטירליך די אלע דאָזיגע בקשות.

צוליב'ן גרויסען אינטערעס, וואס די דאָזיגע בראָשור האט איבעראַל ארויסגערופען, ווערט צוגעטרעטען אָבצודרוקען א דריטע אויפלאַגע, וועלכע וועט זיין פערזעהן מיט פרישע מאַטעריאלען ארום דעם שחיטה ענין.

שוידערליכער זעלבסטמאָרד פון א זשאַנדאַרם.

זונטאג, ארום האלב 6 אין אָוועגד, אין ביוראָ פון זשאַנדאַרמעריע-פּלוטאָן אויף ווילסאָנא 14, האט זיך אָבגעשפּילט א שוידערליכע טראַגעדיע.

דער זשאַנדאַמעריע-קאָפּראַל יאַן ספּאָלעק פון בלאַכאָווניע האט אויסגענוצט א מאָמענט, ווען קיינער פון זיינע חברים האט זיך נישט געפינען אין דער קאַנצעלאַריע און אויסגעשאָסען צו זיך פון א ביקס.

אויפ'ן אָבקלאַנג פון'ם שאָס זענען זיך צונויפגעלאָפען עטליכע זשאַנדאַרמען, וועלכע האבען דעם קאָפּראַל אויפגעהויבען פון דער ערד און ארויסגערופען די גיכע-הילף. יעדע הילף, וועלכע ס'האבען אויך געפּרובט ערטייל־ען די זשאַנדאַרמען פאר'ן אָנקומען פון דאָקטאָר, האט זיך ארויסגעוויזען אומנויטיג. דער דאָקטאָר האט פעסטגעשטעלט דעם טויט פון א געציעלטען שאָס אין הארץ אריין. דער טויטער קערפּער איז געוואָרען איבערגעפיהרט אין מתים-שטיבעל ביים שטאָדטישען שפּיטאָל.

די זשאַנדאַרמעריע איז צוגעטרעטען מיט דער גאַנצער ענערגיע אויסצופאָרשען די סיבות פונ'ם זעלבסטמאָרד.

נאכ'ן פעסטשטעלען די דיענסט קאַרטע האט זיך ארויסגעוויזען, אז ספּאָלעק האט דאָרט נישט געהאט קיין שום בעמערקונגען און זעהר גוט זיך אויפגעפיהרט, צוליב וואס די אויסמאַרשונג איז געוואָרען געוואָנדען אין אַנ'אַנדערע ריכטונג. פון די איבערגעבליבענע ליבעס-בריעף און פאָטאָגראַפיעס דרינגט ארויס, אז די סיבה פון זעלבסטמאָרד איז וואָרשיינליך געוועזן אַנ'אומגליקליכע ליבע.

בלוטיגע געשלעגע אויף דער וואַרשאַווער גאַס.

צוליב פּערזענליכע חשבונות איז עהערנעכטען אויסגעבראָכען א קאָנפליקט צווישען דעם 46-יעהריגען אנטאָני טשעפּיעלסקי (וואַרשאַווער 124) און דעם 19-יעהריגען זנאַן רינקאָווסקי (וואַרשאַווער 122). דער קאָנפליקט האט אָבער שנעל זיך פערוואַנדעלט אין א בלוטיגע געשלעגע, וועלכעס ס'האבען בייגעוואוינט א גרויסע צאָהל נייגעריגע.

די געגנער זענען געווען בעוואָפענט מיט העק, מעסערס, פּיילען און אנדערע כלים, מיט וועלכע זיי האבען זיך געגענזייטיג „מכבד" געווען. דאס דאָזיגע געשלעג האט זיך אָבער געענדיגט טראַגיש פאר רינקאָווסקי'ן, וועלכער האט בעקומען 4 וואונדען מיט א פּייל און מעסער אין בויך און א פערגאָסענער מיט בלוט איז ער בעוואוסטלאָז אומגעפאַלען אויף דער ערד. אָבער אויך טשעפּיעלסקי האט בעקומען עטליכע לייכטע וואונדען.

א שווער פערוואונדעטער איז רינקאָווסקי געוואָרען איבערגעפיהרט אין שטאָדטישען שפּיטאָל אריין, וואו ער איז פערבליבען אויף קוראַציע.

פּיערלעשער-זאַל
שבת, ד. 7 מערץ
דער יעהרליכער
טאַז-באַל
א מאַסע אטראקציעס און איבעררא‍שונגען. — דער בופעט איז זעהר רייך און ביליג. — איינגאַנג נור 1.99 זל. — איינלאַדונגען שיקט ארויס די „טאַז"-קאַנצעלאַריע, ב. יאָסעלעוויטשא גאס 3 טעל. 1756

זונטאָג דעם 1 מערץ 1936 י. 30־3 נאכמ. אין ערשטען טערמין און 4 נאכמ. אין צווייטען טערמין אין לאָקאַל, פּילסודסקי 31 קומט פאר

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג

פון די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט „גמילת חסד"

טאג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואַהל פון א פּאָרזיצענדען, 3) בעשטעטיגען דעם בילאַנס פאר'ן יאהר 1935, 4) וואַהלען פון 3 פערוואַלטונגס מיטגלידער אנשטאט די אַרויסטרעטענדע ה"ה: ב. באָטשאָן, ב. גנוורצמאן, א. פּראָסקוראָווסקי, 5) וואַהלען פון 3 מיטגלידער אין דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע אַנשטאַט די אַרויסטרעטענדע, 6) פרייע פאָרשלאגען.

Kino „EDEN", Aleja 12

נור פרייטאָג, דעם 28־טען און שבת, דעם 29־טען ד.ח.

2 טאָג וועט ווערען דעמאָנסטרירט דער מאָנומענטאַלער און הויך-קינסטלערישער ערשטער ארץ-ישראל-קלאַנג - פילם

צו א נייע לעבען
(לחיים חדשים)

„צו א ניי לעבען" — איז אַנ'עפּאָפּעע פון אַנ'אויפלעבענד פאָלק און זיין פּאָטערלאַנד.
„צו א ניי לעבען" — איז א קלאַנג-פילם מיט א הויכער מוזיקאלישער ווערט.
„צו א ניי לעבען" — איז געוואָרען בעשאָנקען מיט א גאָלדענעם מעדאַל אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פילם-אויסשטעלונג אין ווענעציע.
„צו א ניי לעבען" — ווערט דעמאָנסטרירט אויף די עקראַנען פון די גרעסטע קינאָ'ס אין דער וועלט, ווי אויך אין פערשידענע שטעדט פון פוילען, וואו ער האט ארויסגערופען א קאָלאָסאַלען ענטוזיאַזם און פעראינטערעסירונג.

אלע דארפען זעהן דאס דאָזיגע פילם-קונסטווערק!
אלע דארפען זיך צואיילען זעהען דעם אויסערגעוועהנליכען פילם!

„צו א ניי לעבען" — וועט ווערען דעמאָנסטרירט נור 2 טעג: פרייטאג, דעם 28 און שבת, דעם 29 ד. ח.

פון „פּועלי-ציון" (צ. ס.).

שבת, דעם 29 ה. ח. 3 נאכמ. קומט פאָר אין פּאַרטיי-לאָקאַל א גרויסע פערזאמלונג, געווידמעט די רעזאָלוציעס און פּראָבלעמען צו דער 3-טער לאַנד-קאָנפערענץ.

שבת פון 7—10 אָוועגד און זונטאג פון 10 פריה ביז 10 אָוועגד קומען פאָר אין באַראַכאָוו היים די וואַהלען פון דעלעגאַטען צו דער דריטער פּאַרטיי-לאַנדעס קאָנפערענץ.

שבת 8 אָוועגד קומט פאָר א דרינגענדע בעראַטונג פון פּאַרטיי-ראַט.

פון אַרבייטס-אינספּעקטאָראַט.

דער אַרבייטס-אינספּעקטאָר אינזש. וואַשילעווסקי איז עהערנעכטען אָבגעפאָהרען פון טשענסטאכאָוו קיין ווארשא, וואו ער וועט איבערנעמען א נייעם אַמט.

די פליכטען פון ארבייטס אינספּעקטאָר פיהרט דערווייל אויס דער פערטרעטער ראַדלאָווסקי, וועלכער וועט אויך פון 15 מערץ איבערנעמען דעם אַמט פון ארבייטס-אינספּעקטאָר אין לאָדז.

Kino „LUNA"

גאַרי קופּער
אַנן האַרדינג
אין פילם
PETER IBBETSON
פּרעכטיג עפּאָס פון א גרויסער, מעכטיגער ליבע
אויסער'ן פּראָגראַם: וועלט-אַקטואַליען.
נישט-געהעכערטע פּרייזען.

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
ב. יאָסעלעוויטשא 11
(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאָפּעלושאַרניע)
אונטער דער לייטונג פון אַנ'עקספּערט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין ווארשא מיט לאַנג-יעהריגער פּראַקטיק
ספּעציאַליטעטן:
1) פאַרבען לויט מוסטערן,
2) רעסטאַווירען (ארויסנעמען פלעקען פון וועשען אויפ'ן אָרט),
3) כעמיש רייניגען און פּאָפּאַגירען קאָפּעלושען,
4) וואַשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.
די פרייזען בעדייטענד ערנידריגט.

12 גר. קאָסט קראַגענס מיט 50 גר. קאָסט א העמד
ספּעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס 2) רעסטאַווירען
FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.

Redaktor i wydawca: B. Bocian Druk. B. Bocian, Aleja 6